זאַכנעגנסצו עיראַג

№ 7

פרייז 20 גראָשן. — „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 12 lutego 1937 | 4.31 ליכט-צינדען | פרייטאָג פ׳ תרומה א׳ אדר תרצ״ז

Wyroby Zjednoczonych Zakładów Włókienniczych

K. Scheiblera i L. Grohmana Sp. Akc.

są do nabycia we WIELUNIU po tanich cenach we firmach: „Bławat" L. Szczeciński, Jakób Szaja, Icek Szaja, Josef Szaja.

טליתים וואָלענע זיידענע

ט״ק, ציצית, קאַפּלען, גאַרטלען, מזוזות, ספרים, מדרש רבה מיט עברי-טייטש, חומשים, מחזורים, סידורים, העברעאישע לערן-ביכער א. א. וו.

בעמערקונג: איך קויף און פערקויף אלטע ספרים.

פּראָנטאָווע געוועלב

ב. יאסעלעוויטשא 1

אכטונג וויעלון!

דערמיט מאכען מיר בעקאנט דעם וויעלונער פובליקום, דאס אין אונזערע

קאָנצעסיאָנירטע יאַטקעס

בעקומט מען פון 8 ד. ח. כשר פלייש.

זינדעל אברמאָוויטש, נאַרוטאָוויטשאַ 16

חיים בערן, קר. פאָרשטאָדט 38.

Wychowawczyni samodzielna do 6-cio letniego chłopczyka potrzebna.

Wiadomość w redakcji.

אַנ׳אַנשטענדיג יונגעל

ווערט געזוכט אינ׳ם גאַלאַנטעריע-געשעפט פון

פ. פּראַפּאַרט, 1-טע אַלעע 8.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Uczy modnie, wytwornie, w kompletach, pojedyńczo — zapisy codziennie. Opłaty przystępne.

יעדען שבת א פּראַקטישע לעקציע פאַר יודישער געזעלשאַפט. אנהויב 8 אָוענד. ערשטקלאַסיגע מוזיק.

„BENETA"

רגשי נחומים לחברנו **יצחק וינמן ומשפחתו**

למות עליהם אביהם

זאב ז״ל

בתוך שאר אבלי ישראל ינחמו.

יוסף צימרמן

ז. אימיק

ראובן בוים (גנואה איטליה).

א שוואַרצע קאַווע אין דער יודישער גימנאַזיע

שבת, דעם 27 ד. ח. קומט פאָר אין דער יודישער גימנאַזיע אַנ׳אינטערעסאַנטער שוואַרצע קאַווע אָוענד מיט פיעל אַטראַקציעס.

די הכנסה איז בעשטימט פאַר דעם נייעם בנין פון דער גימנאַזיע.

פיעל גליק, א געזונד און לאַנג לעבען ווינשען מיר אונזערע פריינד

ה׳ **חיים פיטעל און זיין פרוי צפורה**

צום 25-טען יאָהר-טאָג פון זייער חתונה.

זאָלען זיי דערלעבען צו זייער גאָלדענער חתונה.

שלום בושאָסקי, ישעיהו שונדער, יהושיע וואַרשאַווסקי, דוד גאָלדבערג, דוד פיליפאָוויטש, אברהם קאָפינסקי, אברהם וואָלסקי, שמואל גאָלדרוס, דוד קרושעפיצקי, צבי מיטעלמאַן, שמואל פראַנק.

פייערלעשער-זאַל. ווילנער אָפּערעטען-אַנסאַמבל בראש מיט נחמה, קדיש, כאש.

פּרעמיערע **דער** פּרעמיערע

פרייטאָג דעם 12 ד. ח. 9 אָוענד

שבת דעם 13 ד. ח. 4 נאַכמ.

שבת דעם 13 ד. ח. 9 אָוענד

זונטאג דעם 14 ד. ח. 9 אָוענד

לעצטער טאַנץ

אָפּערעטע אין 3 אַקטען, 6 בילדער פון סיגאַל, מוזיק פון אָלשאַנעצקי.

נייע דעקאָראַציעס. אייראָפּעאישע אויסשטאַטונג. הערליכע מוזיק און געזאַנג.

רעזשי: קדיש. טעכנישע לייטונג: מ. ראַבין מיט׳ן אָרקעסטער פיהרט אָן: א. אָגורעק.

ביים קלאַוויר: פאַניא חאַש. אדמ.: ל. קוזניעצאָוו.

בילעטען-פאָרפערקויף אין דרוקעריי פון ה׳ באַטשאַן, אַלעע 6, פון 7 אָוענד און שבת א גאַנצען טאָג ביי דער קאַסע פון זאַל.

צי געדענקסטו

וועגען דער בעקאַנטער און גליקליכער

קאָלעקטור פון

J. WEKSLER

ALEJA 6?

אונזערע געווינסען:

זל. 1.000.000 אין דער 28-סטער לאָט. נר. 40875

„ 100.000 אין דער 36-סטער לאָט. נר. 54355

אויסערדעם

Nr. 167420	zł.	30.000	Nr. 165757	„	10.000
„ 116491	„	20 000	„ 116472	„	10.000
„ 69661	„	15.000	„ 147357	„	10.000
„ 68620	„	15.000	„ 148532	„	10.000

אין דער לעצטער לאָטעריע:

Nr.	49597	— zł.	50.000
„	94929	— zł.	10.000
„	153339	— zł.	5.000

און פיעל אַנדערע געווינסען.

לאָזען צו דער 1 קלאַס שוין צו בעקומען.

פערזוימט נישט, ווייל ס׳קען אויספעהלען לאָזען.

קמח כשר לפסח לוקסוסאָווע פון דער בעוואוסטער מיהל

ב. אַרמאַרניק אין קאָוועל, מיט׳ן הכשר פון הרב טווערסקי, קאָוועל,

איז צו בעקומען ביי דער פירמאַ:

מ. רוסאַק, קאַטעדראַלנאַ 8

בעמערקונג: דער הכשר וועט אויך זיין מיט דער הסכמה פון היגען ראַבינאַט.

מרכז דתי-תרבותי ע״י בית הכנסת החדש (יודאאיסטישער אינסטיטוט)

שבת פ׳ תרומה 3 נאכמיטאג

מסבת עונג-שבת — „דער יודישער שבת"

רעפעראַט פון הרב ד״ר ח. ז. הירשבערג. איינטריט פריי.

זונטאג, ד. 14.2 5 נאכמיטאג

ערשטע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די מיטגלידער

איינטריט נאָר פאַר מיטגלידער.

זונטאַג, ד. 14.2 7 אָוענד — ערעפנונג פון דער ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעק וועט זיין עפענט יעדען טאָג פון 6—9 אָוענד, חוץ פרייטאָג-צו-נאַכטס. איינטריט פריי

אונזער ג. ווירט ה׳ **יהודה לעווקאָוויטש** און פרוי

צו דער חתונה פון זייער טאָכטער פרל. **גוטשא** מיט ה׳ **דוד קעמפינסקי**

פיעל נחת און פרייד ווינשען

ראובן קארזשעץ און פרוי.

א הארציגען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען אונזער שוועסטער **ביילה מינדל** און ה׳ **הירשל פּאָולאָוויטש** צו זייער חתונה.

די עלטערן פיעל נחת און פרייד ווינשען

זלמן און שרה פּאָולאָוויטש, וויעלון.

אונזער ליבען חבר **הירשל פּאָולאָוויטש** צו זיין חתונה מיט פרל. **ביילה מינדל בראַט** אונזערע הארציגסטע ברכות. לעבט גליקליך און צופרידען.

די עלטערן פיעל נחת און פרייד

פריידה אַראָנאָוויטש, לייב אַבראַמאָוויטש

אונזער קוזין **הירשל פּאָולאָוויטש** צו זיין חתונה מיט פרל. **ביילה מינדל בראַט**

אונזער הארציגסטען מזל-טוב. די עלטערן פיעל נחת.

יצחק ווישניא און פרוי, זלמן ווישניא און פרוי.

אונזער פריינד **הירשל פּאָולאָוויטש** צו זיין חתונה מיט פרל. **ביילה מינדל בראַט** ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען. די עלטערן—נחת און פרייד.

יונתן איצעק און פרוי, יודל איצעק און פרוי

פייקל באַרקאָווסקי, אליהו איצעק.

צו דער חתונה פון אונזער ל. קוזין

הירשל פּאָולאָוויטש מיט פרל. **ביילה מינדל בראַט**

אונזער הארציגען מזל-טוב ווינשען

יחיאל ווישניא, דוד ווישניא.

א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט אונזער פריינד **הירשל פּאָולאָוויטש** צו זיין חתונה מיט פרל. **ביילה מינדל בראַט** ווינשען

אסתר און יחיאל כלאַפּאַק, וויעלון.

אונזער פריינד און קונדע

הירשל פּאָולאָוויטש צו זיין חתונה מיט פרל. **ביילה מינדל בראַט**

אונזערע הארציגסטע גליקוואונשען.

פריזיער-אנשטאַלט חיים באַראַקס און פרוי.

די הארציגסטע ברכות אונזער פריינד

הירשל פּאָולאָוויטש צו זיין חתונה מיט פרל. **ביילה מינדל בראַט**

פייטיל און טשארני כמורא.

פרל. **ביילה מינדל בראַט — הירשל פּאָולאָוויטש**

צו אייער חתונה ווינשען מיר אייך פיעל גליק און צופרידענהייט.

צבי קרושעפיצקי, יעקב וואָלקאָוויטש.

Losy w nielicznej ilości do nabycia.

א וויכטיגע איניציאַטיוו, וואס מוז פערווירקליכט ווערען.

די פּאָליטישע אַסימילאַציע איז פערשוואונדען, די פאקטישע אסימילאציע אָבער איז נאָך נישט געווען אזוי שטאַרק און קרעפטיג ווי היינט.

דער יונגער יודישער דור ווערט ערצויגען אין א גייסט, וואס איז פרעמד דעם יודישען מהות. די יוגענד קען נישט לעזען און נישט שרייבען קיין יודיש וואָרט, איבערהויפּט ווערען אין די פּאָוושעכנע שולען די קינדער ערצויגען אויף אזא אופן, אז זיי ווערען פערפרעמדט פון אלעם, וואס איז יודיש און האט א שייכות מיט דער יודישער קולטור.

די שילער פון די פּאָוושעכנע-שולען רעקרוטירען זיך פון די פאָלקס-מאַסען, וועלכע האבען נישט קיין מעגליכקייטען צו געבען זייערע קינדער נאָך א אינטעררינכט פון יודישען וויסען אויסער די שולען און אין דער שולע? נו, מילא, איז דאָך פערהאנען דער אָנגעצייכענטער פּראָגראַם פון די למודים און ס'קאָן נישט זיין קיין רייד וועגען למודים אין יודיש.

אזוי ווערט דאס קינד דערוואַקסען, נישט האבענדיג קיין אַהנונג וועגען יודיש און יודישע ליטעראַטור. אדרבה, נעמט די אלע יודישע קינדער, וועלכע ענדיגען א פּאָוושעכנע שולע, און זאָלען זיי אייך אדורכלעזען א יודיש וואָרט. נאָך מעהר פיינליכער איז דאס, וואס אין דער פּאָוושעכנער שולע ווערט דורך דער יודישער לעהרערשאפט נישט נאָר נישט געוועקט דער אינטערעס פאַר יודישע געשיכטע און יודישע ליטעראַטור, נאָר פערקעהרט. נעמט, למשל, די ביבליאָטעקען וואס געפונען זיך אין די דאָזיגע שולען, וועט איהר געפונען הונדערטער ביכער פון אלע אויסאַרען, נאָר נישט פון קיין יודישע. זאָל מען פּרובען ארויסרעדען א יודיש וואָרט אין די פּאָוושעכנע שולען, איז מען איינגעשטעלט אויף פערשיידענע קאָנסעקווענצען.

אויב דאס זאָל ווייטער אזוי געהן, וועט דער צווייטער דור שוין איבערהויפּט נישט האבען קיין אינטערעס צום יודישען וואָרט און במילא וועט די מיה פון דורות דער גאנצער אוצר פון דער יודישער ליטעראַטור, געהן לאיבוד, די לעבעדיגע זאפטיגע יודישע שפּראַך וועט אונטערגעהן און ס'וועט פערשוואונדען ווערען דער נאַציאָנאַלער אינהאַלט פון א 17 מיליאָניג פאָלק, און א פאָלק, וואס האט נישט קיין אייגענאַרטיגע נאַציאָנאַלע קולטור, איז איבערהויפּט קיין פאָלק נישט.

עטליכע פריינד פון דער יידישער קולטור האבען דעריבער געגעבען די איניציאַטיוו צו שאַפען אזא נאכמיטאג-שולע, וואו ס'זאָל מיט די קינדער פון די פּאָוושעכנע שולען ווי אויך מיט אנדערע געלערנט ווערען יודיש, יודישע געשיכטע און ליטעראַטור.

מיר ווייסען גאנץ גוט, אז ביי די היינטיגע עקאָנאָמישע פערהעלטענישען ווי אויך צוליעב אנדערע סיבות, וועט אזא נאכמיטאג-שולע נישט אזוי גרינג אַנקומען. דאס דאַרף אָבער נישט אָבשרעקען די אויפריכטיגע פריינד פון דעם יודישען קולטור-וועזען, זיי זאָלען מיט אלע כחות זיך בעמיהען די דאָזיגע אינסטיטוציע צו שאַפען. וואס מעהר שוועריגקייטען דאס וועט אנטרעפען, אלץ מעהר דאַרף געשטאַרקט ווערען די אָנשטרענגונג. ווייל די איניציאַטאָרען ווייסען און פיהלען, אז זיי לייגען א ציגעל צו אונזער נאַציאָנאַלען קיום, פאַר אונזער צוקונפט, פאַר'ן דערהאַלטען דעם בוים, וועלכער האט טיפע וואָרצלען אין דער ערד, און די ווינטען פון די היינטיגע שטורמדיגע צייט ווילען זיי בכח אויסוואָרצלען.

דער אָרגאַניזיר-קאָמיטעט פאַר אזא אינסטיטוציע איז שוין געשאַפען געוואָרען. עס דאַרף אָבער זיין דער חוב פון די אלע, וועלכע האבען א פּאָזיטיווע שטעלונג צום יודישען קולטור-וועזען, מיט אלע כחות מיט צו העלפען די דאָזיגע איניציאַטיוו צו פערווירקליכען.

ש. פ.

„מחזיקי הדת"

(פון א בעזוך)

אין א פראָסטיגען זונטאג'דיגען פריהמאָרגען זענען מיר אַראָבגעקומען אין „מחזיקי הדת", בכדי א קוק צו טהון ווי אזוי עס לעבען די הונדערטער תלמוד-תורה קינדער. טראָץ דער פריהער שעה טרעפען מיר שוין אין דער קאַנצעלאַריע דעם פערוואַלטער ה' זעליגמאַן, וועלכער זיצט פערטיפט אין די ביכער שרייבענדיג און רעכענדיג, קענטיג, אז דאס שטעלט ער צונויף דעם יעהרליכען בילאַנס צו דער נאָהנטער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פאַר דער געזעלשאַפט.

ה' זעליגמאַן נעהמט אונז זעהר פריינדליך אויף און אינפאָרמירט אונז גערן וועגען בעשטאַנד פון דער תלמוד תורה.

ביים היינטיגען טאָג לערנען אין „מחזיקי הדת" קרוב 400 קינדער, וועמענס רוב בעשטעהט פון די אָרימסטע שיכטען פון דער היגער בעפעלקערונג. דער „מחזיקי הדת" איז היינט איינגעטיילט אין 6 מחלקות. די קינדער לערנען זיך אין צוויי פּאַרטיעס: ביז מיטאג לערנען די יעניגע, וועלכע געהען נאָכמיטאג אין די פּאָוושעכנע שולען, נאכמיטאג ווידער די, וואס לערנען זיך אין די פאַרמיטאג-שולען.

די מלמדים זענען גוטע רוטינירטע פאַכלייט מיט פּעדאַגאָגישער ערפאַהרונג פון צעהנדליגער יאָהרען. נישט געקוקט אויף זייער שווערער ארבייט ארבייטען זיי פאר א מינימאַלען לוין, וועלכעס מאַכט אויס ביז 120 זל. א חודש. נישט געקוקט אויף דעם ארבייטען זיי אינטענסיוו און איבערגעבען, בעמיהענדיג זיך איינצופלאַנצען אין מוח פון יוגענדליכען א חוץ תורה און וויסענשאפט פון אונזער אַלטען אוצר אויך גוטע מידות.

דער בודזשעט פון „מחזיקי הדת" ווערט געדעקט דורך פערשידענאַרטיגע הכנסות, ווי: נדבות, נדרים און אנדערע שפענדונגען ווי אויך דורך חודש-בייטראָג פון מיטגלידער פון דער געזעלשאפט, יאָהרצייטען א. אנד. כאַראַקטעריסטיש איז דערביי וואס די גרעסטע שפענדער זענען דורכאויס פון די אַרטאָדאָקסישע קרייזען.

מיר מאכען א שפּאַציר צווישען די קינדער אין די קלאַסען. ווי עס ווייזט זיך ארויס, קומען די קינדער פון גרעסטען דלות און דחקות פון דער יודישער גאַס. דאס רוב זענען קינדער פון טרעגער, שוסטער און סתם אָרימעלייט. אינטערעסאַנט דערביי איז, וואס פיעל עלטערן פון די שילער זענען אַליין פרייגעזאָנענע מענשען, מאַנכע זענען בונדיסטען, פיעל האבען גאָר אפילו ראַדיקאַל לינקע אנשויאונגען, פונדעסטוועגען שיקט מען די קינדער אין חדר. אייגער ווייל האבען איבער הונדערט און צוואנציג יאָהר א קדיש-זאָגער, א צווייטער וויל סתם זיין קינד זאָל קאָנען א ביסעל יודיש און זאָל האבען אַן אַהנונג פון יודישען פאָלק פון זיין שטאַם און זיין עבר א. א. וו.

די גרעסטע טייל קינדער לערנען זיך נישט מעהר, צום גרעסטען בעדויערען, ווי די ערשטע צוויי דריי מחלקות און געהען. די יעניגע, וועלכע בלייבען ווייטער ביים לערנען ביז אין דער 6 טער מחלקה געהען צום גרעסטען טייל ווייטער אין וועג פון תורה ומסורה, לערנענדיג שפעטער אין די ישיבות און בתי מדרשים.

א קאַפּיטעל פאַר זיך איז די בעשפייזונגס-אַקציע פון די קינדער. עס איז נישט קיין קלייניגקייט צו זעטיגען דעם הונגער פון קרוב 400 קינדער. מיר געהען ארויף אויפ'ן ערשטען שטאָק, וואו עס געפינט זיך די קוך. דאָרט טרעפען מיר עטליכע צעהנדליג קינדער שוין ביים עסען. פערשטעהט זיך, אז אלע עסען נישט מיטאמאל נאָר גרופּענווייז. אָרום די קינדער פּאָרען זיך עטליכע קעכינס, וועלכע קאָכען און בעדינען די קינדער. די קינדער, וועלכע זיצען און עסען, זענען אָבגעריסען און אָבגעשליסען. פון די בלאַסע דאַרע פּנים'לעך קוקען אַפּויר די אויסגעלאָשענע אויגען. כאָטש זיי געהען אָהן פּאַלטענס, זאָקען און אָהן שיך זעהט מען, אז דאָ זענען זיי ווי נישט איז צופרידען. פאַרט וואָרימער ווי אינדערהיים, וואו מען ווערט געשוואָלען פאַר קעלט און הונגער. דאָ דערוואָרימען זיך זייערע קישקעלעך און אין זייערע אייגעלעך בליצט אויף א פייער'ל פון פרייד.

ווי עס אינפאָרמירט אונז דער ה' זעליגמאַן פערנעהמט זיך מיט דער גאנצער בעשפייזונגס- און בעקליידונגס-אַקציע אויסשליסליך די פרוי ד"ר ליפינסקא. קיינער ווייסט נישט פון וואַנען און פון וואו פרוי ליפינסקא ברענגט געלד. פערשטעהט זיך, אז צו הילף האט זי א קרייז פון פרויען, וועלכע העלפען איהר צו אין איהר איידעלער ארבייט. פיעל אַרבייט אויך פרוי ד. ש. עהרליך. עס איז ווערט צו בעמערקען, אז אין די גרויסע פראָסט, ווען עס איז זעלטען ארויסגעגאַנגען א מענש אין גאַס איז פרוי ליפינסקא געקומען געלאָפען טאג טעגליך אין „מחזיקי הדת", ברענגענדיג יעדעס מאָל שפּייז פאַר די קינדער און שיכלעך. עס איז באמת צו בעוואונדערען ווי אונערמידליך פרוי ליפינסקא ארבייט אָהן אונטערשטיצונג פון וועלכער עס איז אינסטיטוציע אדער געזעלשאפט, (אויסער א קליינע שטיצע פון „טאָז"). פאַר די איבערמענשליכע אנשטרענגונגען פון דער דאָזיגער כלל-טוערין מיט איהר גרויסער ארבייט לטובת די אָרימע יודישע קינדער קומט איהר באמת אויסצודריקען איהר הייסעסטען דאַנק.

א זעהר שעהנע אויפגאבע האט אויף זיך גענומען ה' צמח גאַנשאַראָוויטש, וועלכער העלפט צו אין דער ארבייט אין קוך ביים בעשפייזען די קינדער, פערברענגענדיג דאָרט יעדען טאָג איינינע שעה.

לסוף בעמערקט אונז ה' זעלימאַן, אז די איצטיגע פערוואַלטונג איז איינע פון די ענערגישסטע און ארבייטזאַמסטע. א דאַנק דער יעצטיגער פערוואלטונג איז געלונגען צו דערהאַלטען דעם גלייכגעוויכט פון בודזשעט. עס ווערט אויך פונקטליך אויסגעצאַהלט די מלמדים.

היי-יאָהר איז אויסגעפאַלען דער 25-יעהריגער יובילעאום פון דער עקזיסטענץ פון „מחזיקי הדת", עס איז צו פערהאָפען, אז די אזוי נוצליכע יודישע אינסטיטוציע, וועלכע שטיצט די אָרימע יודישע מאַסען מיט קמח און תורה, וועט ווייטער קענען פאָרטזעצען איהר גרויסע ארבייט מיט דער אונטערשטיצונג פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג.

עזריאל יאַקובאָוויטש.

אַזוי האבען זיי דערצעהלט...

אנשטאָט א פעליעטאָן

כ'האב שוין אויסגענוצט כמעט אלע אַקטועלע טעמעס פאַר מיינע פעליעטאָנען. אַזוי האב איך שוין בעאַרבייט: שפּאַניען מיט איהר בירגער-קריג, רוסלאַנד מיט איהר „משפט-צדק", די פּיסטאַראַוואָ מיט'ן צווייטען טייל פון דער בהמה, די יודישע קהלה מיט איהרע דאָזאַרעס און ווינטער-הילף, די קעניגליכע קאָמיסיע אין ארץ ישראל— וואס דאַרפט איהר מעהר, אפילו די מאַדאַם ס'מפסאָן האב איך אויך שוין בעאַרבייט אין א פעליעטאָן, וויפיעל איז אָבער דער שיעור, מען מוז דאָך כאָטש איינמאַל זיי אלע צוורה לאָזען, האב איך טאַקי מהאי טעמא בעשלאָסען אויסצופּולען מיין היינטיגען פעליעטאָן מיט א גאנץ אנדערען מאַטעריאַל, וואס איז אפשר נישט ווייניגער אַקטועל פון די אויבענדערמאָנטע טעמעס.

דאס, וואס איהר וועט היינט לעזען, וועט אָבער נישט זיין מיינע רייד, נאָר די רייד פון מענשען, וועלכע קומען אין רעדאַקציע דערצעהלען. איז אנשטאָט זיי זאָלען מיר דולען א קאָפּ, וועל איך זיי בעטען, אז זיי זאָלען אייך אליין דערצעהלען און לויט זייערע רייד, וועט איהר שוין אליין פערשטעהן, ווער איינער איז און וואס ער וויל.

דערצעהלט דער ערשטער:

— איך האב א געוועלבעל, האב איך, בעסער געזאָגט דאס געוועלבעל האט מיך, פּייניג איך זיך סכנות. כ'האב שוין לאַנג געוואָלט עס אויפגעבען, וואָרום קיין פּרנסה איז פון דעם נישטאָ, נאָר צוריק געשמועסט, טראַכט איך זיך: וואס וועל איך טהון אָהן דער קראָם, הלמאי, אנדערע יודען האלטען זייערע קראָמען, פאַר וואס זאָל איך עס זיין דער ערשטער, וואס זאָל עס טערקלאַפען. האב איך דעם ערשטען פּטישטען קוים מיט צרות צונויפגעקלאַפּט א פּאַר זלאָטעס אויף א פּאַטענט (צווישען אונז זאָל עס בלייבען, האט מיר די קהלה צושטייער געגעבען מעהר, ווי די העלפט) און אָוועק אין דו זשאָנד-סקאַרבאָווי. דער בעאַמטער האט מיך אָנגעקוקט פון אויבען ביז אַראָב און געפרעגט, צי איך דאַרף נאָר נישט קיין פּאַטענט פון א העכערער קאַטעגאָריע, און ווען איך האב איהם נעשטזאַווירען, אז לויט דעם „אָבראָט", וואס איך מאַך, וואָלט איך געדאַרפט א קלענערען פּאַטענט, האט ער מיר ערשט געגלויבט און צוגענומען ביי מיר די פּאַר גילדען. דערביי אָבער האט ער מיך אויפמערקזאַם געמאַכט, אז היות ס'ווערט געזאַמעלט א ביסעל געלד פאַר די ווינטער-הילף, אַפּעלירט ער צו מיין וואַרעם האַרץ, אז איך זאָל מיטהעלפען בעקעמפען די קעלט און זאָל אויך צושטייער געבען א פּאַר זלאָטעס אויף דעם צוועק. פערשטעהט זיך, אז ווען א בעאַמטער בעזיצט זיך נישט אויף דיר, נאָר ער רעדט צו דיר העפליך, קאָן מען נישט זיין קיין חזיר און איך האב טאַקי אויסגעקראַצט ביז דעם לעצטען גראָשען, וואס כ'האב ביי מיר דאַמאָלס געהאט און עס אָוועקגעגעבען אויף דער ווינטער-הילף.

כ'קום אהיים מיט'ן פּאַטענט, טרעף איך א רעכנונג פון דער עלעקטראָווניע, אין וועלכען אויסער די געוועגליכע סומע, וואס מען בעדאַרף בעצאָהלען פאַר דער בעלייכטונג, געפינט זיך א ספּעציעלע רובריק, וואס דערמאָנט מיך, אז איך האב א הייס האַרץ און דאַרף מיט א פּאַר גראָשען בעקעמפען די פראָסט. נו, מילא, טראַכט איך זיך: כ"ה—כ"ו, אויב מיינע פּאַר גראָשען זאָלען קאָנען אָוועקיאָגען די פראָסט—מהיכא תיתא, און האב אויך די פּאַר גראָשען איינגעצאָהלט. אָנגעמעלט האב איך געשיקט מיין טאָכטער אָנגענעמען א פּעקיל אויף דער פּאָסט, האט זי מיר דערצעהלט, אז דער פּאָסט-בעאַמטער האט אַפּעלירט צו איהר ווייך הייס הערציל, אז זי זאָל געבען א פּאַר גראָשען אויף צו פערטרייבען די פראָסט. אויך דער אינקאַסענט פון דער קראַנקען-קאַסע האט, בעת ער האט מיר געבראַכט דעם רעכנונג: פּאַר'ן משרת, אַפּעלירט צו מיין הייס האַרץ און גע'פּועל'ט א פּאַר גראָשען אויף דעם צוועק. ווער שמועסט, אז ס'קומט פאַר א גאַסען זאַמלונג קאָן מען דאָך אוודאי נישט זיין קיין חזיר און נישט אַריינוואַרפען א פּאַר גראָשען, כדי צו פערייאָגען די פראָסט. אזוי האלט מען אין איין אַפּעלירען צו מיין הייס האַרץ, וואס דאַרף מיט די פּאַר גראָשען פון קעשענע פעריאָגען די פראָסט. איך וואָרט שוין מיט אונגעדולד, אז עס זאָל אָנקומען דער זומער, אנדערש האב איך מורא, אז נישט בלויז דער פראָסט וועט זיך אַריינכאַפּען אין די קעשענעס, נאָר אז אויך דאס הייסע האַרץ וועט פון צופיעל אָנשטרענגונג געפרוירען ווערען...

דערצעהלט א צווייטער:

כ'האב שוין נישט קיין כח מעהר אַרומצוקריכען איבער די יודישע פאַבריקען זוכען ארבייט. איין פאַבריקאַנט זאָגט מיר, אז ער וואָלט גערן מיך צונעמען צו דער ארבייט, ווייל ער איז א הייסער יוד און וואָלט גערן בעשעפטיגט יודישע ארבייטער. וואס זאָל ער אָבער טהון, אז זיינע קריסטליכע ארבייטער זענען פערשריבען אין „ז.ז.ז." און זיי האבען אָנ'אָבמאַך, דאס מען קאָן צונעמען ארבייטער נאָר מיט זייער הסכמה, טאָ וואס קאָן איך מיר העלפען ציהט מיין פאַבריקאַנט מיט די פּלייצעס. א צווייטער פאַבריקאַנט זאָגט מיר ווידער, אז ער וויל מיך נישט צונעמען דערפאַר, ווייל אזוי ווי א יוד איז פון דער נאַטור פּיזיש שוואַך, האט ער מורא, אז איך וועל נישט קאָנען ארבייטען ווי מען דאַרף, וועלען דאָך די קריסטליכע ארבייטער פון מיר לאַכען. ווייל דער פאַבריקאַנט, הייסט עס, נישט צולאָזען, אז ער זאָל זיך דאַרפען שעמען פאַר די קריסטליכע ארבייטער דערפאַר, ווייל א יוד קאָן נישט ארבייטען.

די נויט איז אָבער גרויס דערצעהלט ווייטער דער ארבייטסלאָזער—האב איך זיך דערמאָנט, אז עס איז דאָ א ווינטער הילף-אַקציע, האב איך זיך געוואָנדען צום קאָמיטעט מיט א ביטע, דערצעהלט די קאָמיטעט-לייט מיין ביטערען גורל. און געבעטען אביסעל שטיצע. האט מען מיך געהייסען ברענגען בעשטעטיגונגען פון ווירט, וואו איך וואוין, פון מיין מייסטער, ביי וועלכען איך האב אַמאָל געאַרבייט, דאַן א בעשייניגונג פון דער קהלה, פון מאַגיסטראַט, אז איך בעזיץ נישט קיין פערמעגען, אז איך פערדין נישט, אז קיינער אין דער משפחה סיי פון פּוילען און סיי פון אמעריקא שטיצען מיך נישט, אז איך בין דער אמת'ער הילפלאָזער ארבייטסלאָזער א. ז. וו. ס'פערשטעהט זיך, אז איך האב דאס אלעס, אמת, מיט גרויס מיה און אָנשטרענגונג, אָבער דאָך צוגעשטעלט דעם קאָמיטעט, און מען האט מיך געהייסען ווארטען א תשובה. נאָך 2 חדשים צייט האב איך ענדליך בעקומען אַנ'אָבזאָג, באשר, וואס דער „באשר" איז טייטש, דאַרף איך אייך נישט דערצעהלען—גאָר פשוט, איך בין א יוד, און דאס איז גענוג, אז איך קאָן פון דער דאָזיגער הילף נישט געניסען...

דערצעהלט א דריטער:

ווי איהר זעהט, האב איך געהאַט גליק, מען האט מיך צוגענומען צו דער ארבייט אין א יודישער פאַבריק. איך ארבייט און סיי דער פאַבריקאַנט, סיי דער מייסטער זענען פון מיר זעהר צופרידען. איז אָבער א צרה, וואס די קריסטליכע ארבייטער מאַכען מיר דעם טויט, זיי פערביטערען מיר דאס לעבען, זיי פערדריסט דאס, וואס איך בין פעהיג און קאָן די ארבייט בעסער פון זיי, צוליעב וואס דער מייסטער ריהמט מיך. האלטען זיי אין איין אָנטהון מיר שטיקלעך. יענע וואָך האבען זיי מיר צוגע'גנב'עט דעם פּאַלטען און כ'האב געמוזט אהיימגעהן אין דער מאָרינאַרקע, אַנ'אַנדערש מאָל האבען זיי צובראָכען אלע יודישע פלעשלעך מיט קאַווע, וואס מיר האבען געשטעלט אָנצוּוואַרימען. ס'איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז דער יודישער פאַבריקאַנט האט געמוזט מאַכען א בעזונדערע אָבטיילונג אויף אָנצוּוואַרעמען די פלעשלעך פון די יודישע ארבייטער. אויך א ספּעציעלע יודישע גאַרדעראָבע האט מען געמאַכט, כדי די אויבער מלבושים זאָלען נישט פערשוואונדען ווערען. מיר לאָזען זיך אָבער פאָרט נישט פון זיי—דערצעהלט ווייטער דער גליקליכער ארבייטער. עס געהט אונז אין דער אמביציע צו בעווייזען, אז אויך מיר יודישע ארבייטער קאָנען און האבען דאס רעכט צו ארבייטען גלייך מיט אנדערע, און דער עיקר, וואס מיר ווילען בעווייזען—אז מען דאַרף זיך נישט שרעקען צו בעשעפטיגען יודישע ארבייטער, וועלכע ווילען און קאָנען פאַקטיש ארבייטען. מיר קאָנען זיך נישט בעקלאָגען—פערענדיגט ער—דער יודישער פאַבריקאַנט האט אונז ליעב און אַמאָל כאַפּט זיך אפילו ארויס ביי איהם א זיפץ, וועלכער זאָגט: הלוואי וואָלטען די יודישע ארבייטער אזוי געוועזען באלד אין אָנהויב, ווען כ'האב די פאַבריק געעפענט, וואָלטען ביי מיר געאַרבייט סאַמע יודען; איצט אָבער איז שוין אביסעל צו שפּעט...

דערצעהלט א פערטער—

היות אָבער, ווי דער פעליעטאָן, וועלכער איז נישט קיין פעליעטאָן נאָר די פאַקטישע ווירקליכקייט, האט זיך שוין צו פיעל פערצויגען, וועל איך אייך אַנ'אַנדערש מאָל איבערגעבען דאס אלץ וואס עס דערצעהלט דער פערטער, דער פינפטער און אפילו דער זעקסטער, וואס שפּיגעלט אָב דאס ווירקליכע לעבען פון אונזער צייט.

אזוי האבען זיי דערצעהלט...

סמאל

די סטודענטען פונ'ם העברעאישען אוניווערזיטעט

דער העברעאישער אוניווערזיטעט האט די ערשטע יאהרען פון זיין קיום זיך הויפטזעכליך פערנומען מיט פארשונגס ארבייט. א שטודיום לשם בעקומען אקאדעמישע טיטולען האט נאך דאמאלס נישט עקזיסטירט. די צאהל סטודענטען אין יאהר 1925 (אפיציעלע ערעפנונג פון אוניווערזיטעט) האט אויסגעמאכט 164 און איז ביז 1928 (ערעפנונג פון פילאזאפישען פאקולטעט) געשטיגען ביז 250. די סטודענטען האבען אין גייסט פון דער יודישער טראדיציע, געלערנט זיך דאמאלסט לשמה; פונ'ם אוניווערזיטעט האבען זיי נישט בעקומען קיין שום טיטולען און דיפלאמען.

אין די פאלגענדיגע יאהרען איז פערברייטערט און פערטיפט געווארען די פארשונגס-ארבייט, גלייכצייטיג זענען געשאפען געווארען פאקולטעטען, און אין א רייהע פאכען איז איינגעפיהרט געווארען א רעגעלמעסיגער לימוד מיט עקזאמענס און דיפלאמען. עס איז געשטיגען די חשיבות פון אוניווערזיטעט, וועלכער האט געגעבען ברייטע בילדונג מעגליכקייטען, בעזונדערס אין דעם גרויסצוגיג-אויסגעבויטען יודאאיסטישען אינסטיטוט. עס איז געוואקסען די צאהל סטודענטען, וועלכע האט אויסגעמאכט אין 1934|35 — 417 און איז דערגאנגען אין 1935|36 ביז 674. דער שטייגענדיגער אנזעהן פונ'ם העברעאישען אוניווערזיטעט ציהט צו און פערשטארקט יעדעס יאהר די צאהל סטודענטען, וואס קומען קיין ירושלים פון אלע עקען וועלט. די סטאטיסטיק פון די סטודענטען לויט זייערע אבשטאמונגס-לענדער בעווייזט אויך, אז דער אוניווערזיטעט ווערט דער איינציגער בילדונגס-צענטער פאר יודישע סטודענטען פון מיטעל-און מזרח-אייראפע, וואו זיי האבען נישט קיין מעגליכקייט צו שטודירען צוליב'ן אפיציעלען און נישט-אפיציעלען נומערוס קלאוזוס.

וועגען דעם זאגען עדות אויף א בולט'ען אופן פאלגענדיגע ציפערן. אין יאהר 1935|36 האבען די סטודענטען זיך איינגעטיילט לויט זייערע אבשטאמונגס-לענדער אויף פאלגענדיגען אופן: פון פוילען זענען געקומען 385 סטודענטען, פון ארץ ישראל — 135, דייטשלאנד — 45, ליטע — 23, רומעניען — 23, לעטלאנד — 20, אונגארן — 9, פעראייניגטע שטאטען — 7, רוסלאנד — 6, עסטויין — 5, טשעכאסלאוואקען — 4 און 9 פון ענגלאנד, שווייץ, פערסיען און אנדערע לענדער.

עס איז כדאי צו בעטאנען, אז העכער 40 פראצ. סטודענטען האבען געענדיגט זייער מיטעלשול-בילדונג אין העברעאישע שולען, 14 פראצ. אין געמישטע (צוויי-שפראכיגע), וואו אין העברעאיש ווערען געלערנט בלויז העברעאיש פאכען, אין דער צייט ווען העכער 45 פראצ. האבען געענדיגט פרעמדשפראכיגע שולען. כדי צו בעקומען אנ'עליה-סערטיפיקאט, מוזען די אבסאלווענטען פון פרעמד-שפראכיגע שולען האלטען א ספעציעלען עקזאמען אין העברעאיש. דורך דעם האבען אלע סטודענטען פונ'ם אוניווערזיטעט בעקומען די נויטיגע קענטניש פון דער העברעאישער שפראך, אלס הויפט-בעדינג פאר א פרוכטבארען סטודיום.

אין א גרויסער צאהל פאכען קענען די סטודענטען בעקומען דעם אקאדעמישען טיטול „מוסמך למדעי הרוח" (Magister Antium) און „מוסמך למדעי הטבע" (Magister Scientarium) ווי אויך דעם דאקטאר-טיטול. פון 64 סטודענטען, וואס האבען געענדיגט דעם הומאניסטישען פאקולטעט, האט א העלפט אויסגעוועהלט די העברעאישע שפראך אלס הויפט-פאך; אויף דעם ווייטערדיגען פלאץ געהט פילאזאפיע און תלמוד. די צאהל אבסאלווענטען פון מאטעמאטיש-נאטורוויסענשאפטליכען פאקולטעט האט בעטראפען 11, פון זיי — 10 ביאלאגען און 1 מעטעמאטיקער. מיט עטליכע חדשים צוריק האט איינער פון די אבסאלווענטען פונ'ם אוניווערזיטעט בעקומען דעם דאקטאר-טיטול אויפ'ן יסוד פון א דיסערטאציע איבער „וואסער אין דער ביבלישער און תלמוד'שער ליטעראטור".

דעם סטודיום פון די סטודענטען שטערט אין א געוויסער מאס די שווערע מאטעריעלע לאגע פון די סטודענטען. אין פערגאנגענעם לערן יאהר האבען בלויז 43 פראצ. פון אלע סטודענטען געהאט גענוגענדיגע לעבענס מיטלען, נישט אנקומענדיג צו ארבייט; העכער 50 פראצ. האבען זיך דערנערט פון אייגענער ארבייט אלס ארבייטער (23,32 פראצ.), לעהרער, (32,63 פראצ.,) הויז-דיענסט (9,85 פראצ.) א. ד. ג.

דער דורכשניטליכער לעבענס ניווא פון סטודענט איז זעהר א נידריגער; אינטערזוכונגען, וועלכע זענען געמאכט געווארען דורכ'ן אוניווערזיטעט און דער אלגעמיינער סטודענטען ארגאניזאציע האבען בעוויזען, אז די מאנאטליכע הכנסה פון 34,63 פראצ. סטודענטען בעטרעפט נישט מעהר ווי 4 פונט, און 43,37 פראצ. — מאכט זי אויס פון 4 ביז 7 פונט. 7,76 פראצ. סטודענטען זארגען אויך פאר זייערע משפחות. 57,37 פראצ. פון אלע סטודענטען האבען אויסגעגעבען מעגליך אויף לעבענסמיטלען פון 5 ביז 10 פיאסטער, 4,06 פראצ. — ווייניגער פון 5 פיאסטער און בלויז 20,72 פראצ. — העכער פון 10 פיאסטער.

די לייטונג פונ'ם אוניווערזיטעט און אויך די סטודענטען-ארגאניזאציע זארגען פאר די עקאנאמישע, קולטורעלע און געזעלשאפטליכע בעדערפענישען פון די סטודענטען. דער אוניווערזיטעט האט געשטעלט אין זייער רשות אייניגע געזעלשאפטס צימערן אין דעם ניי-אויסגעבויטען אוניווערזיטעטס קלוב. די אלגעמיינע סטודענטען-ארגאניזאציע פיהרט א וויכטיגע קולטורעלע טעטיגקייט, גיט ארויס דעם ארגאן „גיב הסטודנט". ליידער בעשווערט די מאטעריעלע לאגע פון די סטודענטען די דאזיגע קולטורעלע טעטיגקייט.

מיט דער הסכמה פון דער אלגעמיינער ארבייטער-ארגאניזאציע האט די סטודענטען-ארגאניזאציע געשאפען אנ'איינגענעם ארבייטס-ביורא. דער אוניווערזיטעט טיילט אב 3 פראצ. פון שכר-למוד פאר דער סטודענטען קוך, וועלכע ווערט אנגעפיהרט דורך די סטודענטען גופא. מיט א צייט צוריק האט דער אוניווערזיטעט געשאפען א קראנקען-קאסע פאר סטודענטען; חוץ דעם גיט ער די אונבעמיטעלטע סטודענטען רעגעלמעסיגע סכומים אויף דירה-געלד, ווי אויך לאנג און קורץ-טערמיניגע הלוואות פון א בעזונדערן ליי-פאנד. די סטיפענדיעס און פריזען, וועלכע עס גיט דער אוניווערזיטעט, העלפען מיט צו פערשטארקען די לייסטונגען פון די סטודענטען ווי אויך צו פערבעסערן זייער מאטעריעלער לאגע.

אמת, די דאזיגע אלע סאציאלע הילפס-אנשטאלטען און שטיצעס זענען נישט גענוגענד, אבער זיי קענען הייגט ליידער נישט פערגרעסערט ווערען, צוליב דעם בעגרעניצטען בודזשעט פונ'ם אוניווערזיטעט.

צאהלרייכע נייע סטודענטען פאדערן, מ'זאל זיי אויפנעמען אין העברעא'שען אוניווערזיטעט, אבער דער אוניווערזיטעט איז נישט בכח אלעמען אויפצונעמען, ווייל נייע סטודענטען בעדייט פרישע ארבייטס-פלעצער, נייע לאבאראטאריעס, פערגרעסערטער בודזשעט. קיין שום מלוכה, קיין שום עפענטליכע אינסטיטוציע בעטייליגט זיך נישט דערין. דאס יודענטום אליין מוז עפענען ברייט די טויערן פונ'ם העברעאישען אוניווערזיטעט פאר זיין יוגענד.

טשעקאווע ידיעות

דאס עסען, אמאל און היינט

אין מעדיציניש‌ע קרייזען פון ארבע פנות העולם, זענען מיט עטליכע יאהר צוריק געווען גרויסע מחלוקת'ן צווישען צוויי פארטייען דאקטוירים. איין טייל האט געטענה'ט: אז די אלע חולאת'ן מיט וועלכע די היינטיגע צייט איז געבענשט, קומען נור דערפון, וואס די מענשען עסען היינט צו פיעל. די אנדערע כתה האט געטענה'ט: אז מיר עסען אמת טאקי מעהר ווי אונזערע אבות אבותינו האבען געגעסען, אבער די פערשידענע קראנקהייטען נעמען זיך נישט דערפון, ווייל אויך ארימעלייט, וואס פערמאגען נישט על מזון סעודה אחת, ווערען אויך בעפאלען פון די „מאדערנע קרענק".

איך בין נישט קיין מעדיצינער און ווייס נישט ווער פון די ביידע פארטייען ס'האט רעכט, אזויפיל איז זיכער, אז מיר עסען היינט א סך מעהר ווי אונזערע עלטער-עלטער זיידעס פלעגען עסען. דעריצו דארף מען נישט פערגעסען, אז פריהער האט מען זיך פערגינגען צו עסען, ווייל מ'האט נישט געוואוסט פון קיין „שלאנקע ליניעס". מ'האט זיך נישט דעם קאפ צוּבראכען, צי ס'איז גלייכער צו בלייבען מאגער אדער דיק. מ'האט געגעסען. בכדי נישט צו זיין הונגעריג און נישט בכדי אויסצוזעהן שענער אדער יונגער...

ווער ס'גיט א קוק אין ארכיוו פון שפייז-קארטען פון די רעסטוראציעס אין די פריהערדיגע הונדערטער יאהרען, דער קען זעהן, אז פריהער האט מען געגעסען איין איינציגע שפייז: פלייש. פון רינדער, פון קעלבער, פון שאף און פון עופות. דאס איז געווען דאס איינציגע מאכל.

אמת איז, אז אין יעדער רעסטוראציע האט יעדער בעקומען א פארציע פלייש פון א האלבען קילא (טייל רעסטוראציעס האבען געשריבען, אז ביי זיי בעקומט מען פארציעס צו זעכציג דעקא). דערצו האט מען געגעסען רייז אדער קניירלעך פון מעהל (קארטאפלעס האט מען אין אונזערע מקומות איינגעפיהרט ערשט אין סוף פונ'ם זעכצעטען יאהרהונדערט). קיין ברויט האט מען צום פלייש אויך נישט בעקומען, ווייל הייוען, מיט וועלכע מיר באקען היינט ברויט, זענען ערשט ערפינדען געווארען אין זיבעצעטען יאהרהונדערט. מ'האט געבאקען פלעצלעך פון מעהל אויפ'ן פייער, וועלכע מ'האט געגעסען צום פלייש.

פון קיין יויך האט מען נישט געוואוסט. ערשט אין זיבעצעטען יאהרהונדערט האט מען אין ענגלאנד איינגעפיהרט זופען אויס ווייז און אויס אייער מיט וואסער. קיין טהעע אדער קאווע האט מען נישט געקענט. אזוי ווי קיין לעפלען זענען נישט געווען, פלעגט מען טרינקען פאמעליך די יויך אויס טעפלעך (אפשר נעמט זיך דערפון דער נאמען „זופ"?).

אזוי ווי קיין גאפלען זענען נאך דאמאלס אויך נישט געווען, פלעגט מען דאס פלייש עסען מיט די הענד. אין די פראסטע הייזער האט מען נאכ'ן עסען פערביסען מיט עטליכע הייפטלעך קנאבעל. אין די פיינערע הייזער האט מען געקאכט ארבעס, וועלכע זענען געווען זעהר טייער און האבען צומייסט מצהר געקאסט ווי דאס פלייש.

געטרינקען האט מען אין יעדען הויז ווייז אדער וואסער אויס איין בעכער, וועלכער איז געגאנגען פון מויל צו מויל. די בעל-הבית'טע האט געמוזט שטענדיג אנפולען דעם בעכער און ארויסנעמען די ברעקלעך, וואס פלעגען אהין ארייגפאלען פון די שפייזען...

קיין טישטוכער האט מען נישט געקענט. מ'האט געגעסען אויף הילצערנע טישען. דאס פלייש איז געלעגען אויף אנ'אייזערנער פלאטע און יעדער האט זיך מיט א מעסער אבגעשניטען זיין חלק. אין די פיינע הייזער האט מען געהאט ערדענע שיסלען אויפ'ן פלייש. אין פראסטע הייזער פלעגט מען עס לעגען פשוט נעבען זיך אויפ'ן טיש.

פון קיין אויבסט אדער זיסיגקייטען נאכ'ן עסען האט מען נישט געוואוסט. דאס האט מען ערשט איינגעפיהרט סוף פונ'ם אכצעטען יאהרהונדערט. די ערשטע שפייזען אויס אייער האט מען אנגעהויבען צו מאכען מיט 150 יאהר צוריק פאר — נאפאלעאנ'ען...

אין יעדען הויז איז אויפ'ן טיש געשטאנען א גרויסע שיסעל מיט וואסער. פאר'ן עסען און נאכ'ן עסען, האט יעדער איינגעטינקען די הענד אין דער שיסעלן

דער בעל הבית מיט דער בעל הבית'טע זענען געזעסען ביי אנ'עקסטרא טישעל. די קינדער זענען געזעסען מיט זייערע עלטערען ערשט ווען זיי זענען ראוי געווען לחופה. פריהער זענען זיי געזעסען מיט דעם הויזגעזינד.

דאס איז געווען די מאלצייט איינמאל אין טאג. אינדערפריה און אויפדערנאכט האט מען געגעסען רייז אדער גרויפען מיט מילך אדער מיט וואסער.

אויב פון דעם עסען איז מען מעהר קראנק געווארען ווי היינט, דעריבער איז גארנישט פערצייכענט...

ז. האבער, ווינ.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

איידער מען דערלעבט די נחמה...

אזא מזל האבען זיי שוין, אונזערע ארימע יודען, אז קוים הויבט מען אן טראכטען, ווי אזוי זיי צו העלפען מיט א ביסעל קויהלען אויפ'ן ווינטער, ווערט דערווייל זומער און מען דארף שוין נישט מעהר טראכטען...

ס'איז פריהער-אויס געווען בעוואוסט, אז דער היי'יאהריגער ווינטער וועט פאר די ארבייטסלאזע און פרנסה'לאזע יודען זיין זעהר א שווערער, און היות ווי נאך קיינמאל ביז איצט איז נישט געווען אזוי פיעל פרנסה'לאזע, האבען פון דעם יעצטיגען ביטערען ווינטער געליטען הונדערטער משפחות. באלד אין אנהויב ווינטער האט מען דעריבער אנגעהויבען וועקען אונזערע כלל-טהוער צו מאכען עפיס א שטיקעל ווינטער אקציע. אזוי אבער ווי אונזערע פערזארגער האבען נישט פאר אייך געבראכט א זעהר הארטען שלאף, איז זיי געווען שווער אויפצוּוועקען, און ענדליך, ווען מען האט זיי פארט שוין אויפגעוועקט און זיי האבען זיך געזעצט צום טיש צו טראכטען וועגען דער הילף פאר די פערפרוירענע און הונגעריגע, טראכטען זיי און טראכטען און דערווייל וועט דער ווינטער פערביי און די ווינטער-הילף וועט שוין נישט נויטיג זיין.

ווי פרעזעס ראזענבערג האט ערקלערט אויף איינע פון די קאנפערענצען וועגען דער ווינטער-הילף, זענען נאך מיט א פאר חדשים צוריק אנגעקומען פון ווארשא צוויי בריעף פון צענטראלען הילפס-קאמיטעט וועגען ארגאניזירען אנ'ארטיגען הילפס-קאמיטעט פאר פרנסה'לאזע, וואס זאל זיך בעמיהען צו בעקומען הילף פון אלגעמיין שטאדטישען הילפס-קאמיטעט און בעזונדער אויך פון ארטיגע יודען. ס'זענען וועגען דעם צונויפגערופען געווארען עטליכע מאל זיצונגען פון שטאדטישע בעלי-בתים און כלל טהוער, נאר קיינער איז נישט געקומען. האט מען נאכאמאל גערופען און ווידער האט קיינער נישט געפונען פאר נויטיג צו פטר'ן צייט אויף אזעלכע „קלייניגקייטען", במילא איז דאס אלעס איינגעשלאפען. דערווייל זענען די ארימעלייט געשוואלען געווארען פאר קעלט און הונגער און ווען דאס דאזיגע זיפצען און קרעכצען האט שוין אנגעקלאפט אין די אויערען פון אונזערע דאזארעס און פרנסים, זענען זיי זיך דאך צונויפגעקומען און געטראכט: מה לעשות?

מילא, וועגען די רעדעס, וואס זענען דארט געהאלטען געווארען, איז נישט כדאי איבערצוחזר'ן, דאס האבען מיר שוין אויף אנ'אנדער ארט בעמערקט אין פוריגען נומער פון אונזער צייטונג — אז אפילו אויף דער שווערער נויט פון די הונגעריגע מאסען שפעקולירען מאנכע קהלה - פארשטעהער. פון די אלע רעדעס אבער איז מען געקומען צום בעשלוס, אז מען מוז עפיס טהון, כדי כאטש דאס געוויסען צו בערוהיגען און מען האט אנגענומען פערשידענע החלטות.

כ'וויל בלייבען א פאלשער נביא, נאר כ'מוז זאגען דאס, וואס כ'ווייס, אז וואס שייך מאנכע פונקטען, ד. ה. שאפען א ברייטערען הילפס קאמיטעט, און ווער שמועסט דעם דריטען פונקט — וועגען פועל'ן ביי אונזערע יודישע פאבריקאנטען, זיי זאלען בעשעפטיגען יודישע ארבייטער — דאס וועט נישט אזוי לייכט אנקומען; בלייבט נאר איבער איין פונקט — דאס הייסט די פערטיילונג פון עטליכע הונדערט קערץ קויהלען פאר די ארימע אויף ווינטער. ווייזט זיך אבער ארויס, אז ס'ווערט דערווייל פריהלינג, אזוי אז די קויהלען וועלען שוין נישט נויטיג זיין.

זיי האבען שוין אזא מזל, אונזערע הילפלאזע, אז איידער מען דערלעבט די נחמה...

א פאר ווערטער צום נייען שטאדט-פרעזידענט ה' שטשאדראווסקי.

היות מיר האבען ענדליך א ניי-געוועהלטען שטאדט פרעזידענט, ווילען מיר זיך צו איהם ווענדען מיט א קליינער בקשה:

מילא, צו די ביז איצטיגע נאמינירטע פרעזידענטען האבען מיר נישט געהאט די דרייסטקייט זיך צו ווענדען. ערשטענס, זענען זיי דאך דורך אונז נישט געוועהלט געווארען און זיי האבען נישט געהאט פאר אונז קיין פליכטען; והשנית, וואלטען זיי אונז געהערט ווי דעם קאטער. היות אבער, ווי איהר פאניע פרעזידענטשע שטשאדראווסקי, זענט שוין יא דורך אונז געוועהלט געווארען, האבען מיר די העזה צו אייך צו קומען און אויפמערקזאם מאכען אויף א קלייניגקייט:

פערהאנען אין דער יודישער געגענד גאנצע גאסען, וואס ווערען שטארק פערגאכלעסיגט, אזוי אז מען טאפיעט זיך דארט בשום אין בלאטע, איבערהויפט דאמאלס, ווען דער שניי, וועלכען מען ווימט נישט אוועק, צוגעהט, און עס רינען גאנצע טייכען וואסער. די ארימעלייט, וועלכע האבען נישט קיין גאנצע שיך, פיהלען דאס שטארק. צי וואלט דעריבער נישט, פאניע פרעזידענטשע, געווען א יושר, אז איהר זאלט עפיס טהון, דאס מען זאל אויך דארט, אין די ארימע גאסען, מאכען א שטיקעל ארדנונג. אדרבה, פרובירט צו געהן אויף רוג ווארשאווער און נייען מארק, וועט איהר זעהן אזא מעמד, אז מען שווימט דארט ממש אין די גאסען.

מיר קומען נישט, פאניע פרעזידענטשע צו אייך וועגען ערטיילען סובסידיעס פאר יודישע אינסטיטוציעס — אויף דעם האבען מיר דאך יודישע ראטמענער, וועלען זיי שוין מסתמא וועגען דעם אייך דערמאהנען. מיר אבער פרוסטע-לייט, ווען ס'קומט אויס אפט צו בעזוכען די עכט יודישע גאסען, בעטען אייך נאר וועגען דעם אויבענדערמאנטען ענין.

אדרבה, בעוויזט, אז איהר זענט דער ריכטיגער בעל הבית פון שטאדט און אלע, אפילו די ארימע יודישע קווארטאלען, זענען ביי אייך גלייך.

ביי דער געלעגענהייט ווענד איך זיך צום איינציגען יודישען בעאמטען אין מאגיסטראט, אז ער זאל אזוי גוט זיין און ארורכלעזען די דאזיגע שורות פאר'ן פרעזידענט, כדי ער זאל האבען אנ'אהנונג וועגען דער דאזיגער בקשה.

אין פוילישען טעאטער רעדט מען יודיש...

שטעלט נישט אויף מיר אויס אזעלכע אויגען, איך האב אייך נישט געזאגט קיין ליגענד. יא, אין פוילישען קאמעראל-טעאטער האב איך אליין געהערט, ווי מען האט גערעדט יודיש.

אוודאי איז דאס יודיש-רעדען נישט געווען אויף דער ביהנע, דארט וואו לעצטענס קאן צוליעב פערשטענדליכע טעמים נישט שפילען קיין יודישע טרופע, דערפאר אבער רעדט מען א געשמאקען יודיש אין זאל פון טעאטער ווי אויך אין פאיע בעת די אנטראקטען.

אמאל זענען געגאנגען אין פוילישען טעאטער די ספעציעל פויליש רעדענדע יודען, די, וועלכע האבען געהאלטען פאר א בזיון צו געהן אין יודישען טעאטער, וואו מען „שווארגאטשעט" אויף זשארגאן", כאטש ס'האט זיך שטארק געוואלט בעזוכען א יודיש טעאטער, הערען א יודיש ווארט, פיהלען זיך היימיש, נאר מען קען דאך נאך חלילה מיינען, אז מען האט אין זיך נישט קיין ביסעל אינטעליגענטישקייט. און ווער שמועסט, טאמער געהט מען

ליפמאַן קאַפּינסקי

דער סענסאַציאָנעלער אַרויסטריט

ביז נישט לאַנג האבען די אָפיציעלע פאָרשטעהער פון דער פוילישער ווירטשאַפטס-פּאָליטיק געהאַלטען אין איין שרייען, אז די הויפּט-סיבה פון קריזיס איז דאָס, וואס מיר האבען צופיעל סוחרים אין דער געזעלשאַפט.

דעריבער האט א געוואַלדיגע סענסאַציע אַרויסגערופען דער אַרויסטריט פון נייעם האַנדעלס-מיניסטער ראָמאַן, וועלכער האט פון דער סיים-טריבונע געזאגט בפירוש, אז פוילען האט גאָר צו-ווייניג סוחרים, אונטערשטיצענדיג די דאָזיגע בעהויפּטונג מיט געהעריגע ציפערען און פערגליכען עס מיט אַנדערע לענדער.

דער מיניסטער זאגט צוו. אַנד.: „דער האַנדעל אין פוילען איז נישט ווי געהעריג פונאַנדערגעבויט; אין דער צייט, ווען אין דייטשלאַנד זענען בעשעפטיגט אין מסחר 18 פּראָצענט פון דער בעפעלקערונג, און די פאַראייניגטע שטאַטען 21 פּראָצענט—האט פוילען בעשעפטיגט אין האַנדעל נישט מעהר ווי (גאַנצע) 5 פּראָצענט".

עס איז אונז נישט איינמאָל אויסגעקומען אויפצעווייזען די וויכטיגע און ווירדיגע ראָל פון סוחר אין דער מאָדערנער פאָלקס-ווירטשאַפט אלס פערמיטלער צווישען פּראָדוצענט און קאָנסומענט.

ווען מיט א פּאָר יאָהר צוריק איז ענטשטאַנען דער ווירטשאַפטליכער קריזיס, זענען די מאַסגעבענדע פאַקטאָרען אַרויס מיט דער לאָזונג: „מען דאַרף ענדערען די געזעלשאַפטליכע סטרוקטור" און מען האט אונז איבערצייגט... אז דער קריזיס איז א פּועל-יוצא פון דעם, וואס מיר האָבען צופיעל סוחרים.

עס האט זיך ביי אונז דאַמאָלס אָנגעהויבען דער אמת'ער כאָאָס, אונזערע „פערזאָרגער" האבען זיך געלאָזט איינרעדען, אז דער האַנדעל אָלס אַזאַלכער—איז אונפּראָדוקטיוו און זיי זענען אָרויס מיט דער לאָזונג: „מיר דאַרפען פּראָדוקטיוויזירען די יודישע מאַסען". מיר האבען אָנגעהויבען נאַאיוו צו גלויבען, אז מיר זענען פּאַראַזיטען אויפ'ן אָרגאַניזם פון דער געזעלשאַפט.

אין א ספּעציעלען אַרטיקעל א.ד.ט.: „מען וויל אונז פּראָדוקטיוויזירען"... האָב איך אויפגעוויזען דעם גאַנצען טראַגי-קאָמישען „קווי פּראָ קוואָ".

די פאָלקס-ווירטשאַפט האט דאָך דורכגעמאכט פערשידענע ענטוויקלונגס עפּאָכען, ביז זי האט זיך אויסקריסטאַליזירט צו דעם איצטיגען צושטאַנד פון האַנדעל און אינדוסטריע.

אין בעצוג צו אונזערע כאַראַקטעריסטישע פערהעלטנישען פון דער ווירקליכקייט, וועל איך ציטירען געוויסע שטעלען פון א בוך, וואס רופט זיך: „פּרינציפּען פון געזעלשאַפטליכע עקאָנאָמיע" (פון ד"ר קאָזשימיעזש סאָנעצקי און ד"ר פראַנציששעק טאָמאַנעק) און אָט אין וואָס פאַר א ליכט די אויטאָרען שאַצען אָב די בעדייטונג פון האַנדעל. זיי שרייבען צוו. אַנד.:

„מיט'ן וואוקס פון דער געמיינזאַמער אַרבייט פון א פאָלק, טהוט זיך וואס אַמאָל מעהר פערשפּרייטען אויף בעזונדערע און בעגרעניצטע אַרט-אַרבייטען ד. ה. אז מיט'ן פּראָגרעס פון דער אַרבייטס-ספּעציאַליטעט, ענטוויקעלט זיך אויך דער האַנדעל אלס פּראָפעסיע, וועלכעס טעטיגקייט ס'איז געווענדעט, כדי צו שפּאָרען די צייט און טרחה פאַר פּראָדוצענטען, וואס טוישען אויס זייערע פּראָדוקטען אויף אַנדערע".

די דאָזיגע פּראָפעסיע פיהרט דורך דעם אויסטויש פון געגענשטענדער צווישען די בירגער פון לאַנד אָדער צווישען איין לאַנד און צווייטען".

„אויבוואָל דער האַנדעל שאַפט נישט מיט זיך קיין מאַטעריעלע ווערטען, וואס איז די אויפגאַבע פון דער אינדוסטריע, נישט ווייניגער יעדענפאַלס דאַרף מען איהם פון עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט בעטראַכטען אלס א פולשטענדיג פּראָדוקטיווען, דען ער פערמעהרט די ווערטיגקייט פון סחורות-אויסטויש".

„די מיטבעטייליגונג פון סוחר פערשפּאָרט דעם פּראָדוצענט צייט און אַרבייט, וועלכע דער לעצטער וואָלט געמוזט אָפּפערען, כדי דירעקט צו ליווערען זיינע פּראָדוקטען די בעזונדערע קאָנסומענטען".

דאס איז דער ריינער וויסענשאַפטליכער אמת, וואס מען האט טאַקי פערשטאַנען אין אויסלאַנד.

דער האַנדעלס מיניסטער זאגט אויך ווייטער: „אונזער אַפּאַראַט פון אינערליכען האַנדעל פעהלט אַפּטמאָל אַ ראַציאָנעלע מעטאָדע און אַרבייטס-אָרגאַניזאַציע, ווי אויך אַ טיעפערע פערשטענדניש פון זייער אייגענטליכער ראָל".

ליידער, זעהט עס איבערפלעכליך טאַקי אַזוי אויס, אָבער די ווירקליכקייט זאָגט אויך עפּיס אַנדערש... ווייל מיט דעם האַזיגען זאַץ האט דער מיניסטער געמיינט, דאס דער סוחר דאַרף זיין אין אַ שטענדיגען קאָנטאַקט מיט דער קונדשאַפט און דאס קען ער נאָר דערגרייכען מיט דער הילף פון רעקלאַמע און פּראָפּאַגאַנדע.

דער סוחר ווייסט גאַנץ גוט וועגען זיין אייגענטליכער ראָל וואס קומט אָבער אַרויס, אז דער סוחר האט זיך מורא צו רעקלאַמירען צוליב פערשטענדליכע סיבות...

אויב מען הויבט אָן אין יעצטיגען מאָמענט צו פערשטעהן, אז דער סוחרי'שער קלאַס איז דער פּראָדוקטיווסטער עלעמענט אין דער געזעלשאַפט און אז דער האַנדעל אַלס אַזאַלכער ברענגט אין בעוועגונג די גרויסע מאַשין נישט נאָר אינ'ם ווירטשאַפטליכען לעבען, נאָר אויך פון גאַנצען געזעלשאַפטליכען אַפּאַראַט. זאָל מען טאַקי, ווי דער מיניסטער זאגט, שיצען די פּריוואַט-איניציאַטיוו, אז דער סוחר זאָל זיך קענען בעוועגען אין דעם פרייען שפּיעל פון עקאָנאָמישע געזעצען.—קיין אַנדערער וועג צום אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד איז נישט פערהאַן. זאָלען די נייע טענער פון ה' מיניסטער הויך אָבקלינגען!..

אימפּאָרט פון סחורות פון אויסלאַנד.

דער היגער סוחרים-און פאַבריקאַנטען-פעראיין האט צוגעשיקט פאָלגענדען קאָמוניקאַט:

די האַנדעלס און אינדוסטריע-קאַמער אין סאָסנאָוויץ איז מודיע, דאס ס'וועלען אָנגענומען בקשות אויף אריינצופיהרען פון אויסלאַנד רעגלאַמענטירטע סחורות אין די ראַהמען פון די פּאַר-אויסגעזעהענע קאָנטינגענטען אויף די חדשים מערץ און אַפּריל 1937 י.

דער ענדגילטיגער טערמין פון אַריינטראָגען די דאָזיגע בקשות פליסט אָב דעם 15 לוטי ד. י.

בקשות, וואס וועלען אָנקומען נאָכ'ן דערמאַנטען טערמין וועלען בעריקזיכטיגט ווערען נאָר אין פאַל, אויב ס'וועט פערבלייבען אַ רעזערוו פון קאָנטיגענט.

וואָס דאַרף וויסען אַ הויזבעזיצער

פון אדוו. ע. שעטקין

אין דער נאָהענטסטער צוקונפט קומט די צייט פון אויסמעסטען דעם שטייער אויף הייזער, די דאָזיגע צייט איז אַמוועהטאגליכסטען פאַר די הויזבעזיצער, וועלכע האבען שותפים און האבען אַנטייל אין הויז נאָר אין א קליינעם פּראָצענט: פון טאג ווען זיי בעקומען די צאָהלונגס-אויפפאָדערונגען מוזען זיי זאָרגען נישט נאָר דערפאַר, אז זיי זאָלען זיך אַליין אַרויסוויקלען פון דער שטייער-פליכט, נאָר אויך וועגען דעם, אַז זייערע שותפים זאָלען רעגולער איינצאָהלען זייער טייל.

אויב איך האב למשל, איין פערטעל טייל פון דעם הויז און צאָהל דעם פערטעל טייל פון שטייער, בין איך נאָך נישט אין אָרדנונג בנוגע דעם מלוכה-אוצר, ווייל איך בין פעראַנטוואָרטליך אויך פאַר די איבעריגע דריי פערטעל פון שטייער, אויב די אַנדערע שותפים וועלען די דריי פערטעל נישט בעצאָהלען.

געוועהנליך קומט דאס פאָר אויף דעם אופן, אז די צאָהלונגס-אויפפאָדערונג ווערט צוגעשטעלט נאָר איין שותף לויט'ן אויסוואָהל פון דער שטייער-מאַכט און דער דאָזיגער „אויסדערוועהלטער פון גורל" איז פעראַנטוואָרטליך פאַר דער מאַכט פאַר'ן גאַנצען שטייער און ער מוז שוין זאָרגען דערפאַר, אז די רעשט שותפים זאָלען בעצאָהלען דעם שטייער וואס קומט פון זיי. ביי אזא לאַנג צאָהלט דער שותף, וועלכער איז אויסגעוועהלט געוואָרען דורך דער פינאַנץ מאַכט דעם גאַנצען שטייער מעג ער נאָר האבען אַ פערטעל אָדער איין אַכטעל אַנטייל אין הויז. שפּעטער ערשט קען ער פערקלאָגען זיינע שותפים אויף א ציווילען אופן, אַז זיי זאָלען איהם צוריקגעבען דעם איינגעצאָהלטען שטייער.

אַזאַ ציווילער פּראָצעס איז זעהר קאָמפּליצירט, איז פערבונדען מיט קאָסטען און דערפיהרט נישט שטענדיג צום ציעל.

דאס פונאַנדערטיילען זיך פון די שותפים איז ביז איצט געווען אַנ'אונמעגליכע זאַך. די שטייער-מאַכט האט געהאַלטען, אז דער שטייער פון הייזער איז א סאָלידאַרישער און מ'קען איהם איינמאַהנען פון וועמען מען וויל. די שטייער-מאַכט איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז פאַר'ן גאַנצען הייזער שטייער האט זי אַרויפגעלעגט איינעם פון די שותפים אַנ'אַרעסט אויף זיין פּריוואַטען פערמעגען, אויף די זאַכען אינדערהיים, אויף די סחורות אין געשעפט א. א. וו.

אויב איינער פון די שותפים איז געווען געוויסענהאַפט און געצאָהלט, אַנדערע ווידער האבען נישט געוואָלט אָדער נישט געקענט צאָהלען, האט דער רייכער אָדער געוויסענהאַפטער געמוזט צאָהלען פאַר אַנדערע. ס'האט זיך געשאַפען אַנ'אונערטרעגליכע לאַגע, נישט איין הויז איז שוין אויסגעשטעלט געוואָרען אויף ליציטאַציע צוליב די דאָזיגע בעציהונגען צווישען די שותפים. איצט איז שוין פערהאַן א מעגליכקייט גרונדליך צו ענדערען די דאָזיגע נישט נאָרמאַלע זאַכלאַגע.

א דורכבּרוך אין דעם פּרינציפּ פון סאָלידאַרער פעראַנטוואָרטליכקייט האט געמאַכט די בעקאַנטע דעציזיע פון העכסטען אַדמיניסטראַטיווען טריבונאַל, וועלכע ערלויבט נישט צו מאַכען קיין זאַיענטשעס אויף די בעוועגליכע גיטער פון א שותף אין הויז פאַר א שטייער, וואס קומט פון גאַנצען הויז. אין דער דעציזיע פון טריבונאַל ווערט געזאָגט, אז קיין סאָלידאַרע פעראַנטוואָרטליכקייט פון שותפים אין א הויז איז נישט פערהאַן, דערפון איז נישט ווייט א ווייטערדיגער שריט – אין דער ריכטונג פון בעלאַסטען יעדען שותף נאָר מיט דעם טייל פון שטייער וועלכער קומט פון איהם.

אויב ביז איצט איז אויפ'ן גאַנצען הויז אַרויסגעגעבען געוואָרען נאָר איין נאַקאַז, שאַפט זיך איצט אַ מעגליכקייט פון צעטיילען די נאַקאַזען אויף דעם אופן, אַז יעדער שותף זאָל בעקומען אַ נאַקאַז, וועלכער ענטשפּרעכט זיין אַנטייל אינ'ם הויז.

דאס איז א גאַנץ נייער בעגריף פון דער פּראַגע, וואס א'ז ביז איצט נישט פּראַקטיצירט געוואָרען. לויט מיין מיינונג קען מען דאס אויספּועל'ן ביי אַנ'ענטשפּרעכענדע; אוועקשטעלען די פּראַגע.

מ'דאַרף שוין פאַר דער אויסמעסטונג מאַכען די געהעריגע שריט אין די שטייער-אַמטען, אַז מ'זאָל צוטיילען די צאָהלונגס נאַקאַזען. איך וויל דערמיט נישט פערזיכערען ווי אַזוי ס'וועט זיין די שטעלונג פון שטייער-אַמט, איך האַלט אָבער, אז איצט איז דער ענטשפּרעכענדער מאָמענט צו א אינטערווענץ אין שטייער-אַמט.

אויב אַזאַ פערטיילונג פון די צאָהלונגס-נאַקאַזען זאָל זיך איינגעבען און יעדער שותף זאָל בעקומען זיין נאַקאַז, וואָלט דאס געווען א גרויסע פּריווילעגיע פאַר א גאַנצער רייהע שותפים, מ'דאַרף נאָר נישט דערמיט אָפּשלעפּען.

נאָך מיט אַ פּאַניקע, זאָל דאָך גאָט שומר ומציל זיין, וועט מען זיך דאָך נישט אָראָבלאָזען אַזוי נידריג. זענען זיי, אָט די דאָזיגע און 'אויך אַנדערע פון אַזאַ אָדער פון אַנ'אַנדערן שניט געלאָפען אין פּוילישען טעאַטער, איז טאַקי נישט קיין וואונדער, אַז מ'האט דאַמאַלס דאָרט נישט געהערט קיין יודיש וואָרט. לעצטענס אָבער געהט אין פּוילישען טעאַטער אויך „עמך", אַזעלכע, וואס זייער שפּראַך איז נאָר יודיש, און איות ווי זיי קוקען זיך אָרום און זעהען, אַז 90 פּראָצענט פון די געסט זענען יודען, היימישע יודען, טאָ וואס איז זיך דאָ צו שעמען—רעדט מען טאַקי יודיש אויפ'ן קול. פאַר וועמען דאַרף מען זיך בעהאַלטען...

צווישען די אַנטראַקטען הער איך ווי א קריסטליכער בעזוכער, וועלכער האט „פערבלאָנדזשעט" אין פּוילישען טעאַטער, זאגט צו זיין שכן: „פּשאַקרעוו, זאַבאַטש נאַ, סאַמי זשידזשי", איך האָב אפילו איהם געוואָלט דערויף ענטפערען, אז ער זאָל האבען גרויסע אויגען אויפ'ן יודישען סטראַגאַן, אָבער נישט אויף די יודישע בעזוכער פון פּוילישען טעאַטער, נאָר באַלד האָב איך זיך געטראַכט: לאָז אָב, וואס טויג דאס דיר, און אז דו וועסט שוין ענטפערען, וועט עס דיר עפּיס העלפען... א נקמה האָב איך פאָרט דערלעבט; לא אלמן ישראל, אונזער ליטעראַטור, אונזער קולטור לעבט נאָך, והראיה, אז אפילו אין פּוילישען טעאַטער רעדט מען אויך יודיש...

זאָל עס זיין אין א גליקליכער שעה

דער גרעסטער אומגליק ביי יודען איז נישט אַזוי ווייט דאס, וואס אונזערע שונאים ווילען אונז פערניכטען, נאָר דאָס, וואס מיר צווישען זיך זענען צעריסען און איינגעטינקט אין מחלוקות און שנאת-חנם.

אויב מען וועט א בלעטער טהון אין דער יודישער געשיכטע, וועלען מיר זעהען, אז די גרעסטע קאַטאַסטראָפעס זענען געשעהן נאָר א דאַנק דעם, וואס די פערשידענע פּאַרטייען האבען געפיהרט צווישען זיך א קאַמף.

כ'געדענק שוין נישט, ווי אַזוי, נאָר מיט איינמאָל האט מען געוואויר געוואָרען, אז דער קליינהענדלער-פעראיין, וועלכער האט אַרונטערגענומען אַלע קליינהענדלער פון אונזער שטאָדט, האט זיך פּלוצים געשפּאָלטען און ס'זענען פערהאַנען צוויי קליינהענדלער פעראיינען. דערצעהלען אייך וויפיעל שאָדען דאס האט געבראַכט די קליינהענדלער און מאַרקשטעהער גופא, איז, דאַכט זיך, נישט נויטיג. און וויפיעל מאָל מענשען האבען זיך אריינגעמישט און פּרובירט די דאָזיגע צוריסענע אברים צוריק צונויפצובינדען, האט עס זיך אַלץ נישט איינגעגעבען, ווייל הינטער די קוליסען זענען געשטאַנען פעראינטערעסירטע צדדים, וועלכע האבען געוואָלט דוקא, אז עס זאָל נישט קומען צו קיין איינהייט.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען א סך יאָהרען, נאָר ווען דער חורבן איז געוואָרען גאָר גרויס, ווען דער אויסערליכער שונא האָט מיט א שטאַרקער בייטש געשמיסען און כמעט ווי פערטריבען די מאַרקשטעהער פון אויבערפלאַך, האבען זיך די האַלב-צובראָכענע סוחרים'לעך בעפרייט פון ווייערע אפּיטרופּסים און געקומען צום פּרעזעס ראָזענבערג מיט תחנונים און בקשות מיטצוהעלפען זיי צו א פעראייניגונג, ווייל אויב זיי וועלען זיך נישט פעראייניגען, וועלען זיי פונאַנדערגעיאָגט ווערען, ווי די שטויבעלעך דורכ'ן ווינד.

איצט קאָן מען אָנזאָגען א בשורה די טשענסטאָכאָווער יודען, אַז די פעראייניגונג פון די צוויי ביז-איצט זיך בעקעמפענדע צדדים איז א געשעהענער פאַקט. פערגאַנגענעם שבת-צו-נאַכטס צו דער פולער וואָך, איז מיט מזל צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען דער פּראָוויזאָריום און עס עקזיסטירט שוין איין קליינהענדלער-פעראיין ביי אונז אין שטאָדט.

אמת, דאס איז געשעהן צוליעב נויט, צוליעב א רייהע סיבות, וואס האבען געדריקט דעם האַלז; אָבער זאָל מען נישט זוכען קיין סיבות. מיר שטעלען פעסט א פאַקט און דעריבער זאָגען מיר: זאָל זייער פעראייניגונג זיין אין א גליקליכער שעה.

קאַרנאַוואַל — יודען און — „פּאָליציאַ!"...

כ'בין נישט געווען אין אויסלאַנד און ווייס נישט ווי אַזוי דאָרט ווערט געפּראַוועט דער קאַרנאַוואַל, נאָר לויט ווי מען דערצעהלט און פון דעם וואס מען זעהט אין קינאָ, ווייזט זיך אויס, אז דאס מין קאַרנאַוואַל ווערט אין אויסלאַנד בעטראַכט פאַר א גאָר וואַזשנעם יום טוב, מען טהוט זיך אָן אין פערשידענע בונטאַרע קליידער, מען טאַנצט אין די גאַסען און עס איז דער אמת'ער ששון ושמחה.

ביי אונז אין פוילען איז נאָך נישט אויסלאַנד, דאָ ווערט דאס פּייערען דעם קאַרנאַוואַל נאָך נישט געפּראַוועט מיט טענץ אויף די גאַסען, פונדעסטוועגען אָוועקמאַכען מיט ז'ה'ר האַנד קאָן מען עס אויך נישט.

צעהנדליגער און הונדערטער יונגע לייט און פרויליינס פערשטעלען זיך, לאָזען זיך אַרויס אין די גאַסען און הוליען א וועלט. אויסער די אַטראַקציעס, וואס ס'האבען די מערב-אייראָפּעאישע פערשטעלטע, האבען אונזערע נאָך א בעזונדערע אַטראַקציע, דהיינו: זיי פערשטעפען די דורכגעהענדע יודען, רייסען זיי ביי די בערד, געבען א שטויס אין די זייטען, א קלאַפּ איבער'ן קאָפּ אדג"ל. די פערשטעלטע מיינען נישט קיין שלעכט'ס, חס ושלום, נאָר גלאַט אַזוי, ס'איז יום טוב, ווילט זיך אַביסעל פערוויילען. און די נאַרישע יודען. (אָך, ווי נישט-קולטורעל זיי זענען, די אַזיאַטען...), הויבען באַלד אויף א טומעל און שרייען: פּאָליציאַ, פּאָליציאַ! אונזער פּאָליציי פערשטעהט זיך אָבער אויף אַזעלכע זאַכען, זי איילט זיך נישט צו לויפען און רעאַגירען. ס'איז דאָך נאַריש, מען האט דאָך קיינעם נישט גע'הרג'עט...

האט מען טאַקי אלע דריי אויפדערנאַכט, ווען ס'זענען פאָרגעקומען די קאַרנאַוואַל פערוויילונגען, געהערט צווישען די געלעכטערען פון די פערשטעלטע אויך די נישט-מוזיקאַלישע שטימען פון די צושראָקענע יודען: פּאָליציאַ!

ס'זענען אָבער אויך געווען יודען, וועלכע האבען בעוויזען קינץ-שטיקער. זיי האבען זיך אַליין אויך פערשטעלט, אריין צווישען דעם פרעהליכען עולם, מיטגעזונגען, מיטגעטאַנצט און קיינער האט זיי נישט געטשעפּעט. מען האט זיי גאָר פּשוט נישט דערקענט, און אַזוי אָרום זענען זיי געווען זיכער, אז זיי וועלען קאָנען רוהיג אַדורכגעהן די גאַס און וועלען נישט האבען קיין צובאָבענע קעפּ און נישט דאַרפען שרייען: פּאָליציאַ, פּאָליציאַ...

אונזער איינציגער אַברוה-אָרט.

שוין א לענגערע צייט, ווי אין טשענסטאָכאָוו ווייזען אונזערע האַרציגע פרעהליכע חברה, די קדיש-חאַטרופּע, וועלכע זינגען און טאַנצען און ברענען א וועלט. דערביי הערט מען דאס לעבעדיגע, צאַפּלדיגע, ריינע יודישע וואָרט. איז אָט די דאָזיגע שעה דאַרף זיין דאָס אַברוה-אָרט.

א סך לעזער וועלען פרעגען: היתכן? אַזוי פיעל צרות הויערען אויף אונזערע פּלייצעס, זאָל מען פון דעם אלעם גאָר אַנטלויפען אין טעאַטער אַריין. איז דער תירוץ: יאָ, דוקא דערפאַר, ווייל מען פייניגט אונז, ווייל עס איז באו מים עד נפש, דאַרף מען די דאָזיגע צרות פערטרייבען מיט שעהן יודיש טעאַטער. אַנדערע פעלקער וואָלטען די דאָזיגע צרות פערטרייבט מיט אַלקאָהאָל, זיי וואָלטען אָנגעפילט די שענקען. און מיר יודען, דאס קולטור-פאָלק קענען זיך נאָר אַברוהען אין דעם קונסט-טעמפּעל און דערמיט ווילען מיר אויך בעווייזען, אַז קיין שום כח איז נישט אומשטאַנד אונז אַרויסצופיהרען פון גלייכגעוויכט, אז מיר וועלען זיך נישט לאָזען אריינשטויסען אין אַבגרונד פון פערצווייפלונג.

אין פייערלעשער זאָל ביי דער טרופּע פון קדיש חאַש קאָן מען געפונען אַנ'אַברוה-אָרט.

לויתן

מרדכי קויפמאן

דער „קאַרנאַוואַל" אין טשענסטאכאוו-1937

צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון אונזער שטאָדט איז דאָס געווען.

אַלע יאָהר זענען די קאַרנאַוואַל-טעג געפייערט געוואָרען אויף אַ כאַאָטישען אופן: ס'האָבען זיך צוזאַמענגענומען יונגע שיקסעס מיט שקצים, איינגעריסט די פּנים'ער און היידאַ אין גאַס אַרויס דעפּילירען.

היי-יאָהר איז בעשלאָסען געוואָרען צו מאַכען דאָס שענער, לייטישער, קולטורעלער, לויט'ן ביישפּיעל פון אויסלאַנד. מ'איז געמאָלדען געוואָרען, אַז ס'ועט פאַרקומען אַ מאַסקען-צוג און פאַר דעם שענסטען קאָסטיום וועט געגעבען ווערען אַ פּריז.

יונגוואַרג האָט דאָס דערהערט — האָט מען זיך גענומען גרייטען נישט אויף קיין קאָטאָוועס. פון די פילמען האָבען זיך שוין גענוג אָנגעזעהן, ווי אַזוי אַזאַ מאַסקען-צוג קומט פאָר און וואָספאַרע קאָסטיומען דאָרט זענען געוויזען געוואָרען און אַז מען שמועסט מאַכען לויט'ן ביישפּיעל פון אויסלאַנד, איז דאָך נישט שייך צו זאָגען...

* * *

פּונקט 6 אָווענד, ווען יונגוואַרג האָט געדאַרפט אַרויס אין גאַס פייערן דעם יום טוב פון קאַרנאַוואַל — האָבען זיך די יודישע געשעפטען אין אַלע גאַסען פון טשענסטאָכאָוו אָנגעהויבען שנעל און האַסטיג שליסען. יודען האָבען אָנגעהויבען בהלה'דיג אַהיימלויפען אין די שטיבער. יודען זענען געלאָפען שנעל, מיט די קעפּ אַריינגעבויגען אין די פּלייצעס. די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע; איינער דעם צווייטען האָט געפרעגט: נו, וואָס הערט זיך? וואו-נישט-וואו האָט מען נאָך בעמערקט איילענדיגע זיך שאַטענס, וועלכע האָבען נישט בעוויזען צו ערלעדיגען זייערע געשעפטען און בעשעפטיגונג פּונקט ביז 6 אַ זייגער אָווענד. אין דער לופט האָט געשמעקט מיט איכה ישבה בדד...

וואָס איז געשעהן עפּיס פּלוצלינג אין אַ מיטען דינסטאָג פון אַ נישט-קאַלענדאַר-יום-טוב?

גאַרנישט. יעדענפאַלס נישט קיין וויכטיגעס. ס'דאַרף בלויז פאַרקומען אַ פרידליכע דעפילאַדע פון דער „זאַרגלאַזער" יוגענד — נו האָט פּאָליציי געראָטען די יודען, אַז זיי זאָלען שליסען די געשעפטען און זיך נישט ווייזען אין די גאַסען. מען מוז דאָס נישט טהון, אָבער ס'איז געוואונשען,

אַז מען שמועסט „קאַרנאַוואַל".

איך האָב זיך נישט צוגעפּאַסט צו די אָנווייזונגען זיך פרייוויליג אַריינצודרינגען אין געטאָ—און בין אַרויס אין גאַס זעהען, ווי אַזוי דאָס קומט פאָר. מילא, זאָל זיין אויף קידוש השם, סיי-ווי איז מען נישט זיכער, צי דאָס קען גראָד נישט געשעהן אין אַנ'אַנדערן טאָג און אין אַנ'אַנדערער שעה און ביי גאָר אַנדערע אומשטענדען.

ס'האָט געוויבעלט און געשוויבעלט מיט מענשען פון אַ־ישען אויסקוק. יעדער דריטער שנץ איז געווען פאַרקליידט אין אַ יודיש היטעל, אַ יופּעצע אָדער אַ קאַלטינעוואַטע באָרד, מאַכענדיג דערביי ווילדע העוויות. איינער אויף אַ פערד, מיט אַ יודיש היטעל, פּאות און באָרד, האָט רייטענדיג געזינגען בעטהאָווענ'ס ניינטע סימפאָניע: איי, איי, יודעלעך ווי־... נאָך האָט מען דאָרט געזעהען אַ פּאָר אַנדערע מאַסקעס, אָבער די לעצטע זענען שוין נישט געווען אַזוי אַטראַקציאָנעל ווי די ערשטע. די שמחה איז זיי אָביסעל צושטערט געוואָרען דערמיט, וואָס זיי האָבען נעביך נישט געזעהן קיין סך יודען אין גאַס, אויף וועמענס קעפּ זיי וואָלטען געקענט שפּאַצירען מיט זייערע גראָבע שטעקענס.

נישט ווילענדיג האָב איך זיך דערמאָהנט אין די קאַרנאַוואַל-טעג אין וויען און אין פּאַריז, וועלכע כ'האָב געהאַט די געלעגענהייט בייצוואוינען. וואָס פאַר אַ פּראַכט, וואָספאַרע הערליכע קאָסטיומען, וואָספאַרע אָריגינעלע מאַסקעס, וואָספאַרע אויסגעצייכענטע קאַריקאַטורען, וועלכע האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט סילועטקעס פון די אויסגעצייכענטע מענער פון דער פּאָליטישער, געזעלשאַפטליכער, אַרטיסטישער און קינסטלערישער וועלט. וואָס פאַר אַ ים פון ליכט, עפעקטען און ביישפּיל. דער מאַסקען-צוג איז געגאַנגען איבער די גאַסען פון דער שטאָדט פּאַריז אין דיסציפּלינירטער אָרדנונג. די גאַנצע בעפעלקערונג נעמט אַנטייל אין'ם דאָזיגען קאַרנאַוואַל-יום טוב. אַלץ, פון קליין ביז גרויס, געפינט זיך אויף די גאַסען, מען איז באמת פרעהליך, זאָרגלאָז. פון די באַלקאָנען און פענסטער בעגעגענט מען דעם צוג מיט פריידיגע אויסגעשרייען און בלומען, די מידינעט און בורזשואַ, די רייכע סאַלאָן-דאַמע און דער גאַסען-פאַרקויפער, דאָס האַלב-מיידעל און גרויס-אינדוסטריעלער, דער נעגער מיט דער ווייסער פּאַריזער מאַדמואַזעל — אַלע זענען זיי דאַמאָלס גלייך, פון אַלעמענס הערצער פּראַלט גלייך אַרויס דער יובעל,

געפינענדיג זיך אַזוי צווישען דער מיליאָנען-מאַסע, אַלס יוד, ווערסטו מיטגעריסען מיט אַט דער פרייד, ווערסט העכער, שטאָלצער; הערסט אויף צו טראַכטען, אַז דו ביזט אַ מינדערווערטיג בעשעפעניש, מיט וועמען ס'איז אַלץ ערלויבט צו טהון; ווערסט איינער פון אַט דער מאַסע און זאָגסט זיך: נאָך נישט אַלץ איז פערלוירען, נישט איבעראַל איז דאָס זעלבע, נישט אומעטום מוזטו זיך פערשפּאַרען אין שטוב דאַן, ווען מענשען פייערען אַ יום טוב. ס'ווילט זיך גאָר אַנדערש לעבען, אַנדערש אַרבייטען און שאַפען. דאָס לעבען האָט עפּיס אַ גאָר אַנדערען זין.

אָבער נאַרישקייטען. היינט טאָר מען נישט זיין אַזוי סענטימענטאַל—נישט אמת? היינט, אין אַ צייט פון צעבאָכעמאַכענדע ערפינדונגען; אין אַ תקופה פון אַ פליה צו דער סטראַטאָספערע; אין אַ צייט ווען פעלקער בעוואָפענען זיך מיט אַזעלכע טייוואָלישע קריגס-מכשירים, וואָס וועט גאַנץ אייראָפּא אין געצעהלטע טעג מאַכען פאַר איין גרויסען בית-עולם; אין אַ צייט ווען מיליאָנען יונגע, געזונדע הענד זענען אַראָבגעלאָזט נישט טעטיג, אַרבייטסלאָז און ווייסען נישט וואו זיך אהינצוטהון און וואָס צו מאַכען מיט זייערע פעהיגקייטען—אין אַזאַ צייט טאָר מען נישט זיין סענטימענטאַל און זיך איבערנעמען מיט אַזעלכע „קלייניגקייטען", ווי: עטליכע צושלאָגענע יודען; זיין פערשפּאַרט אינדערהיים דאַן, ווען איך וואָלט געדאַרפט זיין אין גאַס ערלעדיגען געשעפטליכע ענינים, אָדער נאָך אַזעלכע עהנליכע נאַרישקייטען...

אַזוי זעהט דאָס אויס אין ליכט פון „פּאָרטשריט", אין יאָהר 1937.

מיר'ן זעהען ווייטער.

אָבקלאַנגען פונ'ם פּאָליטישען מאָרד אויף אָסטאַטני - גראָש

דער אָנגעקלאָגטער פער'משפט אויף אייביגע תפיסה.

עהערגעכטען האָט דאָס קרייז געריכט בעטראַכט דעם פּראָצעס פון 25-יעהריגען וולאַדיסלאַוו ראָק, וועלכער איז געוואָרען אָנגעקלאָגט, אַז דעם 22 יוני 1935 אַרום האַלב 6 אַ זייגער פאַרטאָגס האָט ער לויט'ן אורטייל פון אַ פּאַרטיי-געריכט, מיט 5 רעוואָלווער-קוילען ערמאָרדעט דעם 22-יעהריגען קאָנסטאַנטי סולינסקין אַנ'אַרבייטער פון דער „טשענסטאָכאָוויאַנקע", וועלכער האָט מיט עטליכע חדשים פריהער נישט-גינסטיג עדות געזאָגט אין אַ געוויסען קאָמוניסטישען פּראָצעס. נאָכ'ן אויספיהרען דעם מאָרד איז ראָק ענטלאָפען אין אַנ'אומבעקאַנטער ריכטונג און זיך אַ לענגערע צייט אויסבעהאַלטען פאַר דער גערעכטיגקייט.

ראָק איז אַרעסטירט געוואָרען דעם 25 פּאַזשדזיערניק ב. י. און פערטיידיגענדיג זיך פאַר'ן מאָרד אויפ'ן פּאָליטישען באָדען, האָט ער ערקלערט, אַז סולינסקי האָט מיט איהם ריוואַליזירט וועגען בעזיצען אַ געוויסע פרוי קוואַסטאָוואַ און אויפ'ן דאָזיגען באָדען האָט צווישען זיי געהערשט אַ שנאה. דעם קריטישען טאָג האָט סולינסקי, געהענדיג צו דער אַרבייט צופעליג געטראָפען ראָק'ן, וועלכען ער האָט בעוואָרפען מיט פערשידענע זידלערייען. דאַמאָלס האָט ראָק אַרויסגעצויגען דעם רעוואָלווער און אָבגעגעבען עטליכע שאָסען צו סולינסקי'ן. דעמזעלבען טאָג איז ער אַוועק פון טשענסטאָכאָוו און נאָך פערשידענע גלגולים אָנגעקומען קיין סאָוויעט רוסלאַנד. די סאָוויעטישע מאַכט האָט אָבער פעסטגעשטעלט, אַז דער מאָרד האָט נישט געהאַט קיין פּאָליטישען הינטערגרונד און איינגעזעצט איהם אין דער קיעווער תפיסה, פונוואַנען ער איז נאָך עטליכע חדשים אָבגעשיקט געוואָרען צו דער גרעניץ.

דער פּראָצעס איז געווען רייך אין פערשידענע סענסאַציאָנעלע מאָמענטען. דער אָנגעקלאָגטער ראָק האָט ערקלערט, אַז סולינסקי איז געווען זיין ליעבעקאָנקורענט און דעם קריטישען טאָג איהם שטאַרק פּראָוואָצירט. בעת אַ קאָנפראָנטאַציע מיט'ן עלטערען פּושאָדאָווניק פון דער אויספאָרשונגס-פּאָליציי, וועלכער קען אויסגעצייכענט קיעוו, האָט ראָק נישט געקענט געבוי בעשרייבען די תפיסה, אין וועלכער ער האָט זיך כלומרשט געזאָלט געפונען. דער עדות פּושאָדאָווניק קראַוושינסקי, אַ ספּעציאַליסט פון פּאָליטישע ענינים, האָט ערקלערט, אַז לויט די דערהאַלטענע קאָנפידענציאָנעלע ידיעות, איז ראָק ווירקליך געוועזען אין סאָוויעט רוסלאַנד, פון וואַנען ער איז נאָכ'ן דורכמאַכען אַ 4-וואָכעדיגען אַגיטאַטאָרען קורס, צוריקגעקומען קיין פּוילען און במשך פון אַ לענגערער צייט געפיהרט אַ ברייטע טעטיגקייט אין לאָדז, ביאַליסטאָק און אַנדערע שטעדט.

אַ גרויסע בעדייטונג פאַר'ן אויסגאַנג פון פּראָצעס האָט געהאַט דער פאַקט, וואָס די גילזען פון די קוילען, וואָס זענען געפונען געוואָרען אויפ'ן אָרט פונ'ם מאָרד אויף אָסטאַטני גראָש, זענען געוועזען עהנליך צו די געפונענע נאָך אַנ'אַנדערן פּאָליטישען מאָרד אויף זאַוואַדזיע, בעת וועלכען ס'איז אומגעקומען דער אַרבייטער יאַסנאָווסקי.

דער פּראָקוראָר האָט פערלאַנגט פאַר'ן אָנגעקלאָגטען אייביגע תפיסה. די אַדוואָקאַטען האָבען צוליב דער דערוויזענער שולד זיך בעגנוגענט בלויז צו דער בקשה פון אַ מילדען אורטייל.

נאָך אַ לענגערער בעראַטונג האָט דאָס געריכט אַנערקענט דעם אָנגעקלאָגטען שולדיג אינ'ם אויספיהרען דעם פּאָליטישען מאָרד און איהם פער'משפט אויף לעבענסלענגליכע תפיסה.

ראָק האָט רוהיג אויפגענומען דעם אורטייל.

צום דריטען מאָל אָבגעלעגט דעם עקסמיסיע-פּראָצעס געגען דער חברה-קדישא.

ווי בעוואוסט, האָט ה' אברהם גאָנזוואַ, אליין אַ חברה-קדישא-מאַן, אָנגעקלאָגט די חברה-קדישא אויף אַנ'עקסמיסיע פאַר דעם חטא וואָס זיי ערלויבען אין זייער לאָקאַל דער געזעלשאַפט „תומכי-עניים" צו טיילען יעדען שבת די פּאַרציעס ברויט מיט חלה פאַר די אָרימע בכבוד'ע יודען.

דער פּראָצעס איז שוין פאָרגעקומען צוויי מאָל און איז ביידע מאָל אָבגעלעגט געוואָרען. צום דריטען מאָל האָט ער געזאָלט פאָרקומען לעצטען מאָנטאָג. היות אָבער ווי דער ה' גאָנזוואַ האָט נישט געהאַט קיין עדות (דער הויפּטעדות איז מיט עטליכע וואָכען צוריק געשטאָרבען) האָט זיין אַדוואָקאַט, שוין צום דריטען מאָל, ווידער אָבגעלעגט דעם פּראָצעס.

כאַראַקטעריסטיש, אַז זעהענדיג, דאָס קיינער פון די שכנים וויל נישט געהן עדות זאָגען לטובת איהם און געגען אַזאַ הייליגער זאַך, ווי עס איז דאָס געבען הונגעריגע ברויט, וואָס ה' גאָנזוואַ וויל מיט כח דווקא מבטל מאַכען און טראָץ דעם, וואָס ער רופט אַרויס געגען זיך דעם צאָרן פון דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג וויל דאָך ה' גאָנזוואַ נישט רעזיגנירען.

דיר. מ. קלערער אין טשענסטאָכאָוו

(צוגעשיקט פון „קרן-תל-חי")

זייט עטליכע טעג ווייליט אין טשענסטאָכאָוו דער ספּעציעלער שליח פון „קרן-תל חי" אין פּוילען דיר. משה קלערער.

דיר. קלערער איז אַ לאַנג יעהריגער ציוניסטישער עסקן, האָט פערנומען פיעל מאָל פעראַנטוואָרטליכע לייטענדע פּאָסטענס אין דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג און איז שוין זייט עטליכע יאָהר טעטיג פאַר'ן „קרן תל-חי".

דער בעזוך פון דיר. קלערער אין טשענסטאָכאָוו איז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דורכפיהרונג פון דער יעהרליכער דעקלאַראַציעס - אַקציע פאַר'ן „קרן-תל-חי".

מיט דער בעטייליגונג פון דיר. קלערער זענען שוין פאָרגעקומען אַ רייהע זיצונגען און בעראַטונגען פון די אינסטאַנצען אין דער נ.צ.אָ. בעוועגונג.

דיר. קלערער האָט שוין בעזוכט אַ גאַנצע רייהע אָנגעזעהענע בעל-הבתים אין שטאָדט, וואו ער האָט געטראָפען אַ גרויסע פערשטענדניש פאַר די צילען און אויפגאַבען פון „קרן תל-חי" און האָט בעקומען גרעסערע געלד-שפּענדונגען. די אַקציע איז אין פולען גאַנג.

דער בעזוך פון דיר. קלערער, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַנ'אויפלעבונג אין דער גרויסער מחנה, וועלכע גרופּירט זיך אַרום דער נ.צ.אָ.-בעוועגונג, האָט נאָך אַ גרעסערע חשיבות דערמיט איצט ווען עס בושעוועט אין ארץ ישראל דער אומאויפהערליכער אַראַבישער טעראָר און דער „קרן תל-חי" גרייט צו דעם פיזישען ווידערשטאַנד און די גרויסע פּאָליטישע אָפענסיווע.

עס איז צו האָפען, אַז יעדער נאַציאָנאַלער יוד וועט אויפנעמען מיט אַ וואַרים הארץ און אַ ברייטער האַנד די שליחים וואָס פיהרען איצט אין טשענסטאָכאָוו די גרויסע זאַמעל-אַקציע פאַר „קרן תל-חי".

דוד ליבערמאַן.

אַ גראַנדיעזע אויפפיהרונג אין יודישען טעאַטער.

אין יודישען טעאַטער ווערט היינט אויפגעפיהרט אַ הערליכע פּרעמיערע א.ג. „דער לעצטער טאַנץ", אָפּערעטקע אין דריי אַקטען, 6 בילדער פון סיגאַל, מוזיק אָלשאַנעצקי.

„דער לעצטער טאַנץ" איז אַ רעוואַלאַציע פיעסע אָנגעפיקעוועט מיט הערליכע געזאַנג, טענץ און פּעשירענע איבעראַשענדע אַטראַקציעס. מען קען גאַנץ דרייסט זאָגען, אַז אַזאַ הערליכע אָפּערעטע האָט נאָך דאָס טשענסטאָכאָווער יודישע טעאַטער-פּובליקום נישט געזעהן.

דער ווילנער אָפּערעטען אַנסאַמבל, האָט כפּעציעל צו דער דאָזיגער אָפּערעטע געמאַכט נייע דעקאָראַציעס, קאָסטיומען א.ד.גל.

די ראָלען ווערען אויסגעפיהרט דורך די קינסטלער: חאַש, נחמה, קדיש, אברהמ'לע גראַדנער, מ. ליבאָווסקאַ, אידינאַ, אָרליוק, רייכער, קוניעצאָוו, די יונגע סוברעטיז גאַלאידאַ א. א.

מיט איין וואָרט — יעדער, וועלכער וועט נישט אויסנוצען די געלעגענהייט צו בעזוכען די דאָזיגע גראַנדיעזע אויפפיהרונג וועט עס שפּעטער בעדויערען.

בילעטען צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באַטשאַן און פון 6 אָווענד ביי דער קאַסע פון פייערלעשער-זאַל.

אין אַפּריל — דער פּראָצעס פון מערדער גאַפּ.

די אויספאָרשונג געגען דעם בעסטיאַלישען מערדער אַנטאַני גאַפּ, וואָס איז געפיהרט געוואָרען דורכ'ן ריכטער באָגוצקי איז שוין פערענדיגט געוואָרען און דער בעשולדיגונגס-אַקט איז איבערגעשיקט געוואָרען צו דער פּראָקוראַטור.

אין אַפּריל אָדער אָנהויב מאַי ווערט שוין ערוואַרט דער סענסאַציאָנעלער פּראָצעס געגען דעם פערברעכער, וועלכען ס'דראָהט טויט שטראָף.

גאַפּ איז, לויט דער אונטערזוכונג פון די דאָקטוירים פולשטענדיג פעראַנטוואָרטליך פאַר זיינע טהאַטען און איז אַ מענש אָהן געפיהל און אָהן מאָראַלישע אינסטינקטען.

שווערע שטראָף פאַר אַ באַנדיטען-אָנפאַל.

זיינערצייט איז געוואָרען אויסגעפיהרט אַ באַנדיטען-אָנפאַל אין דאָרף קאָזשימיעזש ביים פויער ספּיהעלאַ. די באַנדיטען האָבען דעם אַלטען פויער און זיין פרוי געבינדען און זיי שווער צושלאָגען פאָדערענדיג געלד.

דער פּאָליציי איז געלונגען צו כאַפּען די אָנפאַלער, וועלכע האָבען זיך אַרויסגעוויזען אַלס: דער 27-יעהריגער סטאַניסלאַוו פּרודליק, עדוואַרד דודאַ, סט. נאָוויצקי און סט. סטאַזשאַלאַ, אַלע פון דאָרף דאָמבראָוואַ.

דאָס קאַלישער געריכט אויף זיין סעסיע אין וויעלון האָט פער'משפט פּרודליק'ן אויף 12 יאָהר שווערע תפיסה, דודאַ'ן — 6 יאָהר, נאָוויצקי און סטאַזשאַלאַ — צו 4 יאָהר און צו פערלירען די רעכט אויף 10 יאָהר.

נאָכ'ן אויסהערען דעם אורטייל האָט פּרודליק זיך מיט געבייטעלטע פויסטען געוואָרפען אויפ'ן געריכט, זידלענדיג מיט גראָבע אויסדריקען.

מיט שווערער מיה איז דער פּאָליציי געלונגען דעם צורייצטען באַנדיט אָבצופיהרען אין תפיסה אריין. איצט וועט ער האָבען אַ משפט פאַר בעליידיגען דאָס געריכט.

מעלדונג.

מאָרגען, שבת, פ' תרומה, 2 אַ זייגער נאָכמיטאָג און זונטאָג 5 אַ זייגער אין אָווענד וועט דער וועלט-בעריהמטער פאָלקס-רעדנער און דרשן ר' שמואל טאָביאַש פון וואַרשאַ רעפערירען אין בית-המדרש „אהל נחום" א.ד.ט. „דאָס יודישע פאָלק אין איצטיגען מאָמענט".

יודען, פערשפּאַט אייך אַ גייסטיגען גענוס און נוצט אויס די געלעגענהייט.

מען פערשפּעט און מ'שלאָגט יודען אין וויעלון

לעצטענס מעהרען זיך די פאַלען פון פערשפּעטען און שלאָגען דורכגעהענדע יודען אין וויעלון. אַזוי איז צושלאָגען געוואָרען נעבען דער וואוינונג פון רב דער בחור פון ר' שמשון קאָהן, וועמען שקצים זענען בעפאַלען און איהם שווער צושלאָגען אין קאָפּ און אין פּנים.

אויף דער קאַלישער גאַס זענען שקצים דינסטאָג אָווענד בעפאַלען די יונגעלייט מאיערטשאַק און אונגער און זיי צושלאָגען.

אין דער קאָנדיטאָריי פון יעקב גראַנעק האָבען שקצים אָנגעקלאַפּט און געבעטען עסענען. אַזוי ווי דער בעל-הבית האָט געעפענט, האָבען זיי אויפגעהאַקט אַ שויב און ענטלאָפען.

אַ משפט פון פּרינציפּיעלען כאַראַקטער.

אין וויעלון האָט דער סוחר הענאָך לאַנגנאַס געהאַט אַ משפט אין הערכסטען געריכט, וועלכער אורטייל האָט אַ פּרינציפּיעלען כאַראַקטער.

לאַנגנאַס האָט געהאַט געקויפט אַ הויז ביי אַ געוויסען מאַלאַטינסקי, בלייבענדיג איהם שולדיג 60.000 זל. אָבצוגעבען ביז אַ טערמין.

דערווייל האָט ל. דאָס דירה-געלד פון הויז פערדינגען זיין טאָכטער אין דזיערזשאָוואַ אויף 7 יאָהר.

לאַנגנאַס האָט די 60.000 זלאָטעס נישט געהאַט אָבצוגעבען צום טערמין, ער האָט געמוזט היזק האָבען דאָס גאַנצע געלד, וואָס ער האָט אַריינגעשטעקט און דאָס הויז איז צוריקגעגאַנגען אין דער האַנד פון מאַלאַטינסקי'ן.

מאַלאַטינסקי האָט נישט געוואָלט אַנערקענען די דזיערזשאָוואַ און פערקלאָגט לאַנגנאַס'ן, בכן ער האָט פּיקטיוו פערדינגען דאָס הויז די טאָכטער זיינע.

לאַנגנאַס האָט פערשפּילט אין אַלע דריי אינסטאַנצען, ערשט דאָס העכסטע געריכט האָט זיך נישט געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט און דעם אורטייל מבטל געמאַכט, צוריקשיקענדיג איהם אין די ערשטע אינסטאַנץ צו בעטראַכטען.

נייע מיטגלידער פון שטאָדט - ראַט.

עס ווערט מיטגעטיילט, אַז אויפ'ן אָרט פון פּראָפ. דזשובאַ, וועלכער איז געוועהלט געוואָרען אַלס וויצע שטאָדט-פּרעזידענט, איז אין שטאָדט-ראַט אַריין פון דער ליסטע פון פערטרעטער ווצלאַוו בושאָאָוויטש (ס.פ.ס.) און אויפ'ן אָרט פון געוו. סיים דעפּוטאַט דר. בילוּכאָווסקי, וועלכער האָט זיך אַריבערגעצויגען קיין ביעלסק און דעריבער רעזיגנירט פון זיין מאַנדאַט — איז אַריין יאַן דאַלינסקי, געזו. דירעקטאָר פון „יעדנאָשטש" און איצטיגער דירעקטאָר פון אַרבייטער - קאָאָפּעראַטיוו — גלאַזיהוטע סטראַדאָם.

פּרעזידענט יאַן שטשאַדראָווסקי וועגן די נאָהנטסטע אויפגאַבען בנוגע דער שטאָדטישער ווירטשאַפט.

מיטוואָך אין אָוונט האָט דער נייער שטאָדט-פּרעזידענט יאַן שטשאַדראָווסקי איינגעלאַדען אויף א קאָנפערענץ די פאָרשטעהער פון היגען זשורנאַליסטען-סינדיקאַט.

קודם כל האָט דער פּרעזידענט אונטערגעשטראָכען, אז אזוי ער, ווי זיין נאָהנטסטער מיטאַרבייטער, וויצע-שטאָדט - פּרעזידענט דזשובאַ, האָבען איבערגענעהמענדיג די שטאָדטישע ווירטשאַפט פעסט בעשלאָסען נישט צו פיהרען קיין שום פּאָליטיק אויפ'ן געביעט פון דער זעלבסטפערוואַלטונג, נאָר ווירדיג צו רעפּרעזענטירען די שטאָדטישע ווירטשאַפטליכע אינטערעסען, האַנדלענדיג אין זינען דעם וואוילזיין פון אַלע היגע בירגער. דערביי האָט פּרעז. שטשאַדראָווסקי בעטאָנט, אז ער וועט פון ביז-יעצטיגען בעאַמטען-פּערסאָנאַל קיינעם נישט בעזייטיגען און אויך נישט אימפּאָרטירען פון דער פרעמד קיין בעאַמטען-כחות, האַלטענדיג, אז טשענסטאָכאָוו האָט אין נויטיגען פאַל גענוג אינטעליגענטע מענשען, וואָס זאָלען קענען פערנעמען פּאָסטענס אין מאַגיסטראַט.

דאַן ערקלערט דער פּרעזידענט, אז כדי צו פערקלענערן די אַרבייטסלאָזיגקייט וועט די שטאָדט-פערוואַלטונג, אזוי ווי ער האָט דאָס געטהון אלס פּרעזידענט אין זאַוויערטשע, זיך בעמיהען, אז די רעגירונג זאָל צוהעלפען צו לאָזען אין גאַנג עטליכע היגע אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען.

אין דער נאָהנטסטער צייט וועלען אָנגעהויבען ווערען אין דער שטאָדט די עפענטליכע אַרבייטען, צוו. אנד. וועלען געפלאַסטערט ווערען די גאַסען דאָמבראָווסקי א. א. אויף דער בעמערקונג פון אונזער רעדאַקציע-פאָרשטעהער, אז די יודישע גאַסען געפונען זיך אין דער הינזיכט פון ברוק אין א שרעקליכען צושטאַנד, האָט דער פּרעזידענט ערקלערט, אַז אויך יענע גאַסען וועלען גענומען ווערען אין אַכט.

דער פּרעזידענט האָט אויך אינפאָרמירט, אז אויף דער נאָהנטסטער זיצונג פון שטאָדט-ראָט וועט בעשלאָסען ווערען אָבצוקויפען ביים ק.ק.אָ. דעם בנין פון שטאָדטישען טעאַטער פאַר דער סומע פון 591 טויזענד זלאָטעס, צאָהלבאַר אין פערלויף פון 31 און א האַלב יאָהר. אויסער דעם וועט די שטאָדט-פערוואַלטונג אויך בעקומען א הלואה פון דער ק.ק.אָ. פון נאָך 125 טויזענד זלאָטעס, כדי אויסצופערטיגען דעם זאַל אויפ'ן ערשטען שטאָק, אזוי, אז נאָך היי-יאָהר וועלען קענען פאָרקומען פאָרשטעלונגען אינ'ם איבערשטען זאַל, וועלכער וועט ענטהאַלטען העכער טויזענד פּלעצער.

בקרוב זאָל די שטאָדט צוטרעטען צו בויען אין סטראַדאָם א בנין פאַר דער פּאָווסעכנע שולע נר. 1, וועלכע געפינט זיך ביים היינטיגען טאָג צוואָרפען אין פערשידענע הייזער. אויף דער בעמערקונג פון אונזער מיטאַרבייטער, אז אויך די שולע נר. 12 פאַר יודישע קינדער איז צוואָרפען אין צוויי גאַסען— אויף פּילסודסקי און פּושעמיסלאָווע, און אז נאָך מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט די שטאָדט געזאָלט שטעלען אויף דער וואַרשאַווער גאַס א שולע פאַר די דאָזיגע קינדער, האָט דער פּרעזידענט געענטפערט, אז ס'ווערט טאַקי פּראָיעקטירט אויף יענער גאַס אויפצובויען א שול-בנין, וואָס וועט מעגליך אין דער נאָהנטסטער צייט פערווירקליכט ווערען.

אויף דער פראַגע פון אַנ'אַנדערען צייטונגס פאָרשטעהער בנוגע דעם שטאָדטישען שעכט-הויז אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אורטייל פון העכסטען געריכט, וואָס איז אויסגעפאַלען גינסטיג פאַר דער שטאָדט, האָט דער פּרעזידענט ערקלערט, אַז ס'זענען פערהאַן צוויי קאָנצעפּציעס: צו פיהרען אליין די דאָזיגע אונטערנעהמונג, אדער זי צו פערדינגען.

צום סוף האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז ס'ווערט אויסגעשריבען א קאָנקורס אויף איבערצובויען דעם אַלטען, העכער הונדערט-יעהריגען בנין פון מאַגיסטראַט.

א זעהר ערליכע ערקלערונג... וועגען הכנסה-שטייער

צו איינעם פון די מיטעלשטאַדטישע וואַרשאַווער שטייער אַמטען איז די טעג איינגעפלאָסען א „דענונציע" פון איינעם פון די שטייער צאָהלער, א דאָקטאָר ה' ק., וועלכער האָט חוזק די הכנסות פאַר די דאָקטאָר-וויזיטען, פאַר אנטיילנעמען אין קאָנסיליומס און א שטענדיגער פּענסיע אין אייפער פון די פּריוואַטע באַנק-אינסטיטוציעס אויך אָנגעגעבען אין זיינע איינקונפטען פאַר יאָהר 1936 א סומע פון 20.000 זל. (בפירוש: צוואַנציג טויזענד זל.), און אין דער רובריק „מקור פון הכנסה" האָט ער אָנגעגעבען „לאָטעריע דירעקציע".

מען האָט דעם שטייער צאָהלער ארויסגערופען אין אַמט און מען האָט איהם געפרעגט, וועמען האָט ער געהיילט אין דער לאָטעריע דירעקציע, און האָט ער דאָרט דורכגעפיהרט גרויסע אָפּעראַציעס, ווי באַלד אין פאָריגען יאָהר האָט ער איינגעקאַסירט אזא גרויסען האָנאָראַריום, וועלכער האָט כמעט בעטראָפען, וויפיעל זיין גאַנצע הכנסה פון אַלע אַנדערע הכנסה-איינקונפטען.

דער דאָקטאָר האָט ערקלערט דעם שטייער-בעאַמטען, אז אין די ביוראָען פון דער גענעראַל-דירעקציע פון דער מלוכה-לאָטעריע, אויף וויפיעל עס איז איהם בעקאַנט, זענען אַלע, א דאַנק גאָט, געזונד און די הכנסה פון דער לאָטעריע איז נישט קיין דאָקטאָר-האָנאָראַר, נאָר עס איז איינגעקאַסירט געוואָרען אין די ביוראָען פון דער אינסטיטוציע אלס געווינס פאַר א פערטעל לאָס, אויף וועלכען עס איז געפאַלען 100 000 זל.

די שטייער בעאַמטע האָבען מיט א שמייכעל אויפגעקלערט דער שטייער-צאָהלער, אז די לאָטעריע-געווינסטען דאַרף מען נישט אָנגעבען אין דער הכנסה, ווייל פון דעם צאָהלט מען נישט קיין הכנסה שטייער. דער שטייער ווערט אָראַנגערעכענט ביים אויסצאָהלען דאָס געווינס, ווייל ווען נישט דאָס, וואָלט דער דאָקטאָר בעקומען אלס א פערטעל פון 100 טויזענד—25 טויזענד, און נישט 20 טויזענד זל.

דער צופרידענער שטייער צאָהלער האָט האַרציג געדאַנקט דעם לייטער פון שטייער-אַמט. ער האָט א דאַנק דעם געראַטעוועט א שעהנע מטבע, מעהר ווי א העלפט פונ'ם שטייער און ווערויסגעהענדיג פון שטייער-אַמט האָט ער אַלעמען פערזיכערט, אז ער געהט גלייך אין קאָלעקטור נאָך א לאָס צו דער 1-טער קלאַס פון דער אַכט און דרייסיגסטער מלוכה-לאָטעריע, ווייל, ווי ער האָט ערקלערט, ער וויל נישט פערלירען א געלעגענהייט צו געווינען אזא אנגענעמע הכנסה. וועלכע מען דאַרף לגמרי נישט אָנגעבען אין די שטייער-דעזנאַניעס.

כדי צו בעקומען א ירושה האָט א פריילין חתונה מיט א פער'משפּט'ען צום טויט.

א זעהר מערקווירדיגע שפּאַנענדע פּאַסיר ונג ווילען מיר דערצעהלען אונזערע לעזער.

דאָס פריילין נ. האָט בעקומען פון איהר'ס א ווייטען קרוב א גרויסע ירושה, נאָר מיט'ן תנאי, אז זי וועט ביז דעם און דעם טערמין חתונה האָבען. היות אָבער ווי איהר בעשטימטער חתן איז אוועקגעפאָהרען אין מרחקים און מען ווייסט נישט ווען ער קאָן צוריקקומען, האָט א בעוואוסטער אַדוואָקאַט געראַטען דער פריילין, אז זי זאָל דערווייל חתונה האָבען מיט א צום טויט פער'משפּט'ען מערדער, וועלכער דאַרף צומאָרגענס אומקומען פאַר ערמאָרדען א פרוי.

דער פער'משפּט'ער איז געווען א קאַבאַרעט-זינגער, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג געהאַט אָנגעקומען אין לאַנד מיט זיינס א שוועסטערל פון רוסלאַנד.

די חתונה איז פאָרגעקומען אין דער טורמע און דער פער'משפּט'ער האָט בעקומען דערפאַר צעהן טויזענד דאָלאַר, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט פאַר זיין שוועסטערל.

אין א צייט אַרום, ווען די רייכע פריילין האָט איינגעאָרדענט א באַל לכבוד איהר חתן, וועלכער האָט זיך אָבגעזוכט און מיט וועלכען זי קלויבט זיך חתונה צו האָבען, בעווייזט זיך א גאַסט אויפ'ן באַל אָנגעטהון אין א מאַסקע פון א פּאַיאַץ און זינגט אויס א ליעד, אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט די גאַנצע מעשה מיט דער חתונה פון דער רייכער פריילין מיט דעם צום טויט פער'משפּט'ען מערדער. די אַנוועזענדע געסט האָבען אויפגעהויבען א ליאַרם, אראָבגעריסען פון דעם פּאַיאַץ די מאַסקע און מיט ערשטוינונג האָבען זיי געזעהן, אז דער „פּאַיאַץ" איז גאָר דערזעלבער מערדער, מיט וועלכען די רייכע פריילין האָט חתונה געהאַט.

אויפ'ן באַל איז געוואָרען א גאַנצע סומאַטאָכע, מענשען האָבען גע'חלשט, זיי האָבען פּשוט נישט געוואוסט וואָס צו טהון פאַר עגמת נפש. אָט האָבען זיי גערעכענט, אז דער צום טויט פער'משפּט'ער איז שוין לאַנג טויט און דאָ פּלוצלינג בעווייזט ער זיך א לעבעדיגער אויף אלע ביינער.

ווען מען האָט אָנגעהויבען חוקר ודורש צו זיין די גאַנצע מעשה, האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער „מערדער" איז אומזיסט פער'משפּט געוואָרען און האַרט פאַר דער עקזעקוציע האָט מען איהם אנערקענט פאַר אונשולדיג און איהם בעפרייט.

דער סוף פון דער סענסאַציאָנעלער געשיכטע איז אויך געווען סענסאַציאָנעל. דאָס רייכע מיידעל ערקלערט, אַז זי האָט גאָר ליעב איהר ערשטען מאַן, מיט וועלכען זי האָט חתונה געהאַט אין תפיסה. און הויך אויפ'ן קול פאַר אלע געסט ערקלערט זי זיך אלס די געזעצליכע פרוי פון דעם געוועזענעם אַרעסטאַנט און כלומרשטען מערדער.

אָט די שפּאַנענדע געשיכטע בעגלייט מיט האַרציגע פאָלקס לידער, סענץ און וואונדערבאַרע מוזיק, אויסגעפיהרט פון די בעוואוסטע קינסטלער נחמה, קריש, חאַש, גוראַנער, אידינאַ, ליפּאָווסקא, אָרליוק, רייכער, גאַלאידא א. א. וועט געוויזען ווערען היינט, פרייטאָג אין פייערלעשער-זאַל.

פון יודאַאיסטישען אינסטיטוט

קומענדען זונטאָג דעם 14-טען ה. ח. 5 א זייגער נאָכמ. קומט פאָר די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון אינסטיטוט. אויף דער דאָזיגער פערזאַמלונג וועט געוועהלט ווערען די ערשטע נאָרמאַלע פערוואַלטונג און עס וועלען בעשטימט ווערען קאָמיסיעס פאַר די בעזונדערע אָבטיילונגען פון אינסטיטוט, ווי: ביבליאָטעק קאָמיסיע, רעפעראַטען קאָמיסיע, עונג-שבת קאָמיסיע א. ד. גל.

דעמועלבען טאָג 7 א זייגער אָוונט ווערט געעפענט דער לעזע-זאַל. דער איינטריט איז פריי פון יעדען אָבצאָהל. אין לעזע זאַל וועט אויסער די ביבליאָטעק ביכער, וועלכע זענען שוין פערהאַן אין א גרויסער צאָהל—זיך געפינען די גאַנצע יודישע, העבּרעאישע און פּוילישע פּרעסע. ספּעציעל פערטרעטען וועט זיין די ארץ-ישראל פּרעסע. דער זאַל ווערט בעהייצט און וועט זיין העל בעלויכטען. דער לעזעזאַל וועט—אָנהויבענדיג פון זונטאָג אָן—טעטיג זיין יעדען טאָג פון 6 א זייגער אָוונט און וועט זיין צוטריטליך פאַר יעדען.

גלייכצייטיג וועט די רעפעראַטען-קאָמיסיע צוטרעטען צו דער אַרבייט. עס זענען פאָרגעזעהן רעפעראַטען פון די בעדייטענסטע יודישע וויסענשאַפטלער. עס האָבען שוין אָנגעזאָגט זייערע רעפעראַטען: ד"ר ברוידע, פּראָפ. טויבער, דאָצענט שטיין א. אנד. א ספּעציעל געוויכט וועט געלעגט ווערען אויף די פּראָבלעמען פון יודישער עקאָנאָמיק. די פערוואַלטונג וועט זיך שטעלען אין קאָנטאַקט מיט די בעדייטענדסטע יודישע עקאָנאָמיסטען און איינאָרדנען פון צייט צו צייט עקאָנאָמישע פאָרטראָגען. טייל רעפעראַטען וועלען פאָרקומען מיט דיסקוסיעס. בכלל זאָגט פאָר דער רייכער אַרבייטס-פּראָגראַם פון אינסטיטוט צו זיין זעהר אינטערעסאַנט.

נדבות פאַר דער געז. „תומכי עניים"

ה' העניך שפּאַלטען צום נאָמענס-טאָג פון זיין שוואָגערן טעכטערל 5 זל.

ה' יואל טויבענבלאַט צו דער יאָהרצייט פון זיין שוויגער פאָטער 10 קילאָ ברויט.

ה' לייביל טשענסטאָכאָווסקי צו דער יאָהרצייט פון זיין פאָטער 10 קילאָ ברויט.

ה' בערל אָפּמאַן 20 קילאָ ברויט.

ה' מרדכי בעסערגליק 2 קילאָ ברויט.

זעלבסטהילף

דאָס איז דער געבאָט פון היינטיגען טאָג.

די טרויריגע לאַגע פון יודישען קליינהענדלער און האַנדווערקער ווערט פון טאָג-צו-טאָג קריטישער. די יודישע פאָלקס מאַסען ווערען ארויסגעשטויסען פון זייערע אַרבייטס פּאָזיציעס און די אָרמעט פון אַרבייטסלאָזע וועלכע בעקומט נישט פון ערגיץ קיין שטיצע ווערט אלץ גרעסער.

זעלבסטהילף איז דעריבער דער איינציגער מיטעל פאַר די קרבנות פון איצטיגען מצב. און פאַקטיש זעהען מיר, אז די גמילות-חסדים-קאַסעס איז דאָס איינציגע רעטונגס-ברעט פאַר הונדערטער און טויזענדער יודישע משפּחות א דאַנק וועלכע זיי ראַטעווען די חרוב געוואָרענע ווירטשאַפטען. דעריבער דאַרפען אַלע זיך איינשרייבען אלס מיטגלידער אין די גמילות-חסד-קאַסע אַגראַדאָווא 6 און צאָהלענדיג א פּאַר גראָשען א חודש גיט מען די מעגליכקייט פיעל צעהנדליגער און זאַגער הונדערטער האַנדווערקער און קליינהענדלער צו בעקומען אזוי-אַרום א אָהנפּראָצענטיגע הלואה, כדי ווייטער צו קענען פיהרען זיין קרעמעל אָדער ווערקשטאַט און נישט פאַלען צו לאַסט פון דער יודישער בעפעלקערונג.

זעלבסטהילף איז דער געבאָט, נישט נאָר פון טאָג, נור זאָגאַר פון דער שעה, דעריבער דאַרפען אלע שטיצען די גמילות-חסד-קאַסע אַגראַדאָווא 6.

די פערוואַלטונג פון דער גמילת-חסד-קאַסע אַגראַדאָווא 6

ווייסע וואַכע

הורט! בעסטע קוואַליטעט! ביליגסטע פּרייזען! גרעסטער אויסוואַהל! דעטייל!

L. Lederman

I-a Aleja 7. Telef. 15-47.

עמפּפעהלט:

זייד, וואָל - סחורות, גאַרדינען, קאָפּען ווי אויך אַלערליי ליינען און בוימוואָל-סחורות.

ספּעציאַליטעט: חתונה-אויסשטייערן.

„TRIOKONG"

Zakłady Przemysłu Radiowego

Częstochowa, Garibaldiego 28. Tel. 10-99

Polecamy pierwszorzędnej jakości radioodbiorniki

COLUMBUS 937

3 lampy z 4 prostownicą

LECH

2 lampy z 3 prostownicą



wszelkie informacje i demonstracje w firmie

N. TAJCHNER

Częstochowa, Aleja 14

tel. 17-91.

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

וואולקאַן פון הומאָר!

רוסישע ליעדער!

Willy Roggers

אין דער הערליכער קאָמעדיע

NA FALACH PIEŚNI i HUMRU

Kino „LUNA"

דער אויסברוך פון וועלט-קריעג אין יאָהר 1940.

נייע, הערליכע וועלט אין יאָהר 2036 אינ'ם גיגאַנטישען פילם וועגען דער צוקונפט

ROK 2000

לויט דער ערצעהלונג פון וועלס.

איבערין פּראָגראַם:

קאָלירטער צוגאָב און פּ. א.

KINO „EDEN".

די גרעסטע אטראַקציע פון סעזאָן!

פילם פון טרעהרען און פרייד!

DINKY

מיט דזשעק קופּער און מערי אַסטאָר.

איבער'ן פּראָגראַם א קאָמעדיע און אַקטואַליען.

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6